STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02869

DI NEVIIM

Hayim Shoys

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נביאים

א קריטישער אריינפיר אין דער אנטשטייאונג
און אנטוויקלונג פון נבואה ביי אידן

בוך איינס

פון די עלטסטע צייטן ביז דעם אויפקום פון דער שריפט־נבואה

פון

חיים שויס

ארויסגעגעבן פון אידישן לערער־סעמינאר

425 לאפאיעט סטריט : ניו יארק

Copyright, 1931, by HAYYIM SCHAUSS

46

פאָרוואָרט

דאָס ביכל, וואָס דאָ ליגט פאַר די לעזער, איז ניט מער ווי א טייל, ווי אַן אנהויב פון אַ גרעסערן בוך איבער די נביאים, וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געפּלאַנעוועט. אָבער ביי דער איצטיגער ירידה פון דעם אידישן בוך ביי אונז אין אַמעריקע לוינט זיך אפילו גאָרניט צו טראַכטן וועגן ארויסגעבן אַזאַ סאָרט בוך. אויך דאָס דאָזיגע קליינע ביכל, געשריבן אַזוי קאָמפּאַקט און קורץ ווי נאָר מעגלאַד, האָט געקאָנט געדרוקט ווערן נאָר מיט דער הילף פון עטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע יעדערע האָט אין פאָראויס זיך אַבאָנירט אויף אַ געוויסער צאָל עקזעמפּלאָרן. דאָס זיינען: דער בילדונג־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק־שולן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פועלי־ציון, דער ערשטער צווייג פועלי־ציון פּאַרטיי אין ניו יאָרק און די תלמידים פון אידישן לערער־סעמינאַר. זיי אַלעמען דריק איך דאָ אויס מיין דאַנק.

די ערשטע קאַפּיטלען זיינען שוין געווען געדרוקט אין די „שטודיעס אין סאָציאַלער וויסנשאַפט“, אַרויסגעגעבן לכבוד דעם פופציגסטן געבורטס־טאָג פון א. ש. זאַקס (ניו יאָרק, 1930). אָבער איך האָב זיי צום גרעסטן טייל איבערגעשריבן אין אַ נייעם נוסח, און איך בעט דעריבער זיי ניט לייענען אין דעם ערשטן נוסח, אין וועלכן זיי זיינען דערשינען אין יענעם זאַמלבוך.

איך האָב קיין פּלאַץ ניט פאַר קיין ספּעציעלע ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען. אָבער די לעזער, מיין איך, האָבן געווגוג דערפון אין די באַמערקונגען, וואו איך בין, ווי ווייט נאָר מעגלאַד, אַ „מביא דבר בשם אומרו“.

ח י י ם   ש ו י ס.

ניו יאָרק, מאַי 1931.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט.

I אַלגעמיינער אַריינפיר — — — — — — — — — — 7—17

1. די ביכער פון די נביאים — — — — — — — — — — — 7
2. די נביאים און די אידישע טראַדיציע — — — — — — 9
3. די נביאים און די מאָדערנע ביבל־פאָרשונג — — — — 10

II דער אויפקום פון נבואה ביי אידן — — — — — — 18—34

1. דאָס וואָרט „נביא“ — — — — — — — — — — — — — 18
2. משה אַלס נביא — — — — — — — — — — — — — — 19
3. שמואל דער „רואה“ — — — — — — — — — — — — 24
4. די ערשטע נביאים ביי אידן — — — — — — — — — 26
5. נבואה און נביאים אין די עלטסטע צייטן — — — — 30

III דער קאַמף געגן „בעל“ — — — — — — — — — — 35—55

1. „יהוה“ און „בעל“ — — — — — — — — — — — — — 36
2. די אורזאַכן פון דער באַוועגונג געגן „בעל“ — — — 42
3. די „רכבים“, די „נזירים“ און די „בני־הנביאים“ — 45
4. דער פרעמדער „בעל“ — — — — — — — — — — — — 47
5. אליהו און אלישע — — — — — — — — — — — — — 50
6. די צייט פון אליהו און אלישע — — — — — — — — — 52

IV שריפט־נבואה — — — — — — — — — — — — — 56—64

1. די פאָלקסטימלאַכע און די גרויסע נביאים — — — — 56
2. דער נביא אַלס גאָט׳ס שליח — — — — — — — — — 62

I.

אַלגעמיינער אַריינפיר

1.

די ביכער פון די נביאים

די צווייטע זאַמלונג ביכער אין תנ"ך, נאָך די פינף חומשים פון דער תורה, טראָגט דעם נאָמען „נביאים" און צעפאַלט אין צוויי אָפּטיילונגען: „נביאים ראשונים" און „נביאים אחרונים", עס הייסט: פריערדיגע נביאים און שפּעטערדיגע נביאים. „נביאים ראשונים" איז אַ זאַמלונג פון היסטאָריע־ביכער, וואָס דערציילן די אידישע געשיכטע פון משה'ס טויט, אָדער בעסער, פון דער צייט אַז זינט אידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, ביז'ן גלות בבל. „נביאים אחרונים" איז אַ זאַמלונג פון ביכער, וואָס אַנטהאַלטן רייד פון נביאים.

דער נאָמען „נביאים ראשונים" פאַר דער ערשטער אָפּטיילונג פון „נביאים" איז באמת גאָר ניט קיין פּאַסיגער. דער ריכטיגער נאָמען פאַר דעם וואָלט געווען: די געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ ישראל. די זאַמלער פון די ביכער פון תנ"ך האָבן אָבער געגלויבט, אַז אויך די היסטאָריע־ביכער זיינען געשריבן געוואָרן פון נביאים (בבא בתרא, י"ד און ט"ו). זיי האָבן דעריבער אַוועקגעשטעלט די דאָזיגע ביכער אַלס „נביאים ראשונים" פאָראויס פאַר די נבואות פון די נביאים, וואָס זיי האָבן באַצייכנט אַלס „נביאים אחרונים".

אין אמת'ן אָבער ווערט אין די „נביאים ראשונים" דערציילט נאָר וועגן געוויסע נביאים פון דער עלטערער צייט, וואָס האָבן גע־

שפּילט אַ ראָלע אין אידישן לעבן גלייכצייטיג מיט די אָפיציעלע פאַרשטייער פון פאָלק, די מלכים. געשריבן געוואָרן זיינען אָט די היסטאָריע־ביכער, ווי כמעט די מערסטע ביכער פון תנ״ך, פון פאַרשיידענע אַנאָנימע שריפטשטעלער, אָבער על־כל־פּנים ניט פון די נביאים, צו וועמען זיי ווערן צוגעשריבן, לויט דער אידישער טראַדיציע. אַלס ביכער פון נביאים קענען דערפאַר באַטראַכט ווערן נאָר די „נביאים אחרונים“, אָבער ניט די „נביאים ראשונים“.

די „נביאים אחרונים“ אַנטהאַלטן פיר ביכער: ישעיה, ירמיה, יחזקאל, תרי־עשר. צוויי פון זיי (יחזקאל און מיט דער אויסנאַם פון קליינע הוספות אויך ירמיה) אַנטהאַלטן נבואות פון איינצלנע נביאים, וועמעס נאָמען זיי טראָגן. די אַנדערע צוויי ביכער אָבער זיינען זאַמלונגען פון נבואות פון פאַרשיידענע נביאים. תרי־עשר (צוועלף) איז לויט'ן נאָמען אַ זאַמלונג פון צוועלף קלענערע נביאים. ישעיה איז לויט'ן נאָמען אַ בוך פון איין נביא, לויט'ן אינהאַלט אָבער איז עס, פּונקט ווי תרי־עשר, אַ זאַמלונג פון נבואות פון זייער פאַר־שיידענע צייטן. נאָר אַ קלענערע צאָל קאַפּיטלען שטאַמען טאַקע באמת פון ישעיה בן־אמוץ, וועמעס נאָמען דאָס בוך טראָגט. דער גרעסטער טייל פון בוך אָבער שטאַמט פון פאַרשיידענע אַנאָנימע נביאים.

דאָס בוך יונה, איינס פון די צוועלף ביכער פון תרי־עשר, גע־הערט באמת גאָר ניט צו די נביאים אחרונים; ווייל עס אַנטהאַלט ניט קיין נבואות פון אַ נביא, נאָר עס איז אַ סימבאָלישע געשיכטע אין דעם גייסט פון די נביאים, געשריבן אין דער שפּעטערדיגער צייט פון דער ביבלישער היסטאָריע וועגן איינעם אַ נביא פון די אַלטע צייטן מיט'ן נאָמען יונה בן־אמתי *).

---

*) דער נביא יונה בן אמתי האָט געלעבט אין דער צייט פון ירבעם בן־יואָש מלך ישראל, קורץ פאַר עמוס'ן; דאָס איז אין דער ערשטער העלפט פון אַכטן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלאַכער צייט). אַזוי שטייט בפירוש אין מלכים ב', י״ד 25. די נאָוועלע אָבער, וואָס יונה איז איר העלד, איז פאַרפאַסט געוואָרן, לויט דער מיינונג פון כמעט אַלע היינטיגע ביבל־פאָר־

.2

די נביאים און די אידישע טראַדיציע

אין דער אידישער טראַדיציע פאַרנעמען די נביאים דעם צווייטן פּלאַץ נאָך דער תורה און זיינען ניט מער ווי אַ טפל צו איר. וואָרים דער גאַנצער אידישער מאָנאָטעאיסטישער וועלט־קוק און די הו־מאַניטאַרישע געזעצן, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, זיינען לויט דער טראַדיציע געגעבן געוואָרן פון משה׳ן צו די אידן אין מדבר, נאָך איידער זיי האָבן אַריינגעוואַנדערט אין ארץ־ישראל. די נביאים האָבן דערפאַר נאָר געקאָנט מוסר׳ן די אידן וואָרום זיי היטן ניט משה׳ס תורה, אָבער וואָס מחדש צו זיין האָבן זיי ניט געהאַט. „וואָס איטלאַכער נביא האָט געזאָגט איז געווען ניט מער ווי אי־בערגע׳חזר׳ט משה׳ס רייד" (מדרש רבה, שמות, מ"ב). „רבי יצחק האָט געזאָגט: אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט אין זייערע נבואות אין אַלע דורות האָבן זיי מקבל געווען פון באַרג סיני" (מדרש רבה, שמות כ"ח).

די ביכער פון די נביאים שטייען אויך נידעריגער ווי די תורה אין דעם פּרט פון הייליקייט. וואָרים די נביאים האָבן נאָר געהאַט דעם „רוח הקדש", דעם הייליגן געטלאַכן גייסט, וואָס האָט גע־רעדט דורך זיי; די תורה אָבער איז לויט דער אידישער מסורה ניט געגעבן געוואָרן פון משה׳ן דורכ׳ן הייליגן גייסט, נאָר „מפּי הגבורה", דירעקט פון גאָט׳ס מויל. גאָט האָט דיקטירט און משה האָט געשריבן. אפילו די לעצטע פּסוקים פון חומש, וואָס דערציילן פון משה׳ס טויט, האָט אויך, לויט איין „מאַן דאָמר" אין תלמוד, גאָט פאַרדיקטירט משה׳ן, און משה האָט עס געשריבן מיט טרערן.

קיין חידוש ניט דעריבער, וואָס אידן האָבן אָנגעווענדט זייער גאַנצע גייסטיגע ענערגיע אויף דער תורה און האָבן כמעט איג־

שער, אין דער פּערסישער עפּאָכע. דאָס איז מיט אַן ערך פיר הונדערט יאָר שפּעטער.

גאַנצן פאַרנאַכלעסיגט די נביאים. ווארים אין דער תורה קאָן אַ מענטש געפינען אַלע חידושים אין דער וועלט, אויב ער פאַרשטייט נאָר די סודות אירע. פון די נביאים אָבער קאָן מען אפילו ניט ברייגנען קיין ראיה אויף אַ דין *). דער פרומער איד לייענט דערפאַר יעדערן שבת אַ גאַנצע סדרה חומש „שנים מקרא ואחד תרגום". פון די נביאים אָבער לייענט ער ניט מער ווי אַ קליין שטיקל „הפטורה" פאַר אַ צוגאָב.

די דאָזיגע שטעלונג צו די נביאים האָט זיך ניט געענדערט ביי אונז אפילו אין דער נייער השכלה־צייט. אויך דער היינטוועלטיגער איד איז געבליבן אין דעם פּרט ביי דער אומהיסטאָרישער טראַדיציע, אַז דער אידישער מאָנאָטעאיזם אין זיין העכסטער און ריינסטער פאָרם איז געשאַפן געוואָרן פון משה'ן אין מדבר. אויב דער משכיל האָט געהאַט מער אינטערעס אין די נביאים איידער דער פאַרצייטיגער איד, איז עס געוועזן נאָר צוליב דעם שיינעם לשון זייערן, כדי צו כאַפּן פון זיי שיינע מליצות. פון אַ פאַרשטענדניש אָבער פאַר דעם וועלט־היסטאָרישן ווערט פון די נביאים הערט מען נאָך ביי אונז אידן ביז היינט זעהר ווייניג.

3.

די נביאים און די מאָדערנע ביבל־פאָרשונג

אַרום צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר האָט מען זיך געהאַלטן פעסט ביי דער טראַדיציע, אַז משה'ס תורה, אַזוי ווי מיר האָבן זי היינט אין חומש, איז געוועזן דער פאָרבאַדינג פון די נביאים. משה איז בכן באַטראַכט געוואָרן אַלס דער שאַפנדער געניוס פון אידישן פאָלק, און די נביאים האָבן געשפּילט די אומבאַדייטענדיגע ראָלע פון פאַטעטישע מגידים. ערשט אין ניינצענטן יאָרהונדערט האָט זיך איינגעגעבן די מאָדערנע ביבל־פאָרשער צו צעברעכן די

*) „דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן", בבא קמא, ב'.

אומהיסטאָרישע אידישע טראַדיציע און צו אַנטדעקן די נביאים אין זייער גאַנצער וועלט־היסטאָרישער גרויסקייט.

ווען די מאָדערנע קריטישע פאָרשער האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די עלטערע היסטאָריע־ביכער פון תנ״ך מיט אָפענע אויגן, האָבן זיי דערזען, אַז מיט דעם טראַדיציאָנעלן קוק קאָן מען זיך פשוט גאָר פון אָרט ניט רירן. עס שיקט זיך ניט פון סאַמע אָנהויב אָן. מישן מיר אויף, למשל, דעם ספר שופטים, זעען מיר ניט אין דער גאַנצער תקופה עפעס אַ שפור פון תורת משה. מיר באַקומען דאָרטן אַ בילד פון אַ האַלב־ציוויליזירטן פאָלק, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין אַ לאַנד און אַריבערצוגיין פון אַ לעבן פון וואַנדערנדיגע פאַסטוכער צו אַ ציוויליזירטן לעבן פון ערד־אַרבעטער און שטאָט־איינוואוינער. פון דער העכערער מאָראַל און פון דעם ריינערן מאָנאָטעאיסטישן גלויבן און קולט פון תורת־משה געפינען מיר קיין שפור ניט. דאָס איז דער פאַל ניט נאָר ביי די מאַסן פון פאָלק; אויך ביי זייערע פירער, די שופטים, געפינען מיר ניט קיין עטישע און העכער־מענטשלאַכע כאַראַקטער־שטריכן. אויך זיי דינען געצן און באַגייען די גרעסטע אכזריות. „אין יענע טעג“, האָט אַ אידישער היסטאָריקער אין דער צייט פון דער מלוכה געשריבן וועגן דער תקופה פון די שופטים, „איז קיין מלך ניט געווען אין ישראל; יעדערער האָט געטאָן וואָס אים איז געפעלן“. וואָס הייסט, עס איז קיין מלך ניט געווען, דעריבער האָט מען געקאָנט טאָן וואָס מ'האָט געוואָלט, און וואו איז געווען די תורה?

די לאַגע ווערט אויך ניט בעסער, ווען מיר גייען איבער פון די שופטים צו די מלכים. דוד, למשל, לאָזט אָפּפערן מענטשן צו יהוה, כדי איינצושטילן זיין צאָרן (שמואל ב, כ״א). די אידישע מלכים זיינען זיך מתחתן מיט די פעלקער אַרום, אַ זאַך וואָס ווערט אַזוי שטריינג פאַרבאָטן אין תורת משה. — אין ירושלים שטייט אַ בראָנזענער שלאַנג („נחש הנחשת“, „נחושתן“), אַ געץ, וואָס דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז משה האָט אים געמאַכט, און מ'האָט צו אים געדינט ביז דער צייט פון קעניג חזקיהו (מלכים ב, ח 4; פאַר־

גלייכט מיט דעם במדבר כ"א 8, 9). ערשט חזקיהו האָט צע־בראָכן אָט דעם געץ, אונטער דער השפעה פון דער באַוועגונג אין אידישן לעבן, פון וועלכער ישעיה בן־אָמוץ און מיכה המורשתי זיינען געווען די וואָרט־פירער אין זייער צייט (ישעיה ל 22). — אָחז דערזעט אין דמשק אַ שיינעם היידנישן מזבח, שיקט ער אַ גענויעם פּלאַן פון אים צו אוריה'ן, דעם כהן פון דעם בית־המקדש אין ירושלים, און אוריה קווינקלט זיך גאַרניט און בויט אויף גלייך אַזאַ מזבח אין בית־המקדש, און דער קעניג קומט צוריק פון דמשק און איז מקריב אויף אים קרבנות. עס הייסט, אַז פון די אַלע געזעצן פון תורת כהנים האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט. און אוריה הכהן, טאָר מען ניט פאַרגעסן, איז ניט געווען אַבי ווער. דאָס איז דערזעלביגער, וועמען ישעיה בן־אָמוץ גיט אָן אַלס „עד נאמן" צוזאַמען מיט זכריה בן יברכיהו (ישעיה ח 2).

דער קיצור דערפון איז, אַז מיר קאָנען גאָר ניט צוטרעטן צו די „נביאים ראשונים" אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטן זיך ביי דער טראַ־דיציע, אַז עס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַזאַ געשריבענע תורה פון משה'ן ווי מיר האָבן היינט אין חומש.

נאָך וויכטיגער פאַרשטענדלאַך איז דער חומש גופא. ערשטנס, געפינען מיר דאָרטן דריי גרעסערע געזעצביכער, וואָס זיינען ניט נאָר אומאָפּהענגיג איינס פון אַנדערן, נאָר זיינען זיך פּשוט סותר אויף יעדן טריט. דאָס זיינען דער „ספר הברית" (שמות כ 23, כ"ג 33), דער „ספר דברים" און „תורת כהנים" (דער חומש ויקרא, מאַנכע טיילן פון חומש במדבר און אויך קליינע טיילן פון חומש שמות). צווייטנס, זיינען די מעשיות פון חומש אַ דירעקטע סתירה צו דעם ספר דברים. וואָרים אין דברים ווערט שטריינג אָנגעזאָגט צו צעברעכן די הייליגע ביימער (אשרות) און די הייליגע שטיינער (מצבות) אַלס געצנדינסט פון די כנענים, און אין חומש בראשית ווערן דיזעלביגע ביימער און שטיינער פאַרהייליגט, און זייער היי־ליקייט ווערט גאָר צוגעשריבן צו די אָבות. אַזוי, למשל, ווערט צוגעשריבן צו אברהם'ען דער הייליגער בוים און דער הייליגער

ברונים אין באר־שבע (בראשית כ״א) און צו יעקב'ן — דער הייליגער שטיין אין בית־אל (בראשית כ״ח).

אויב מיר קענען ניט פאַרשטיין דעם חומש און די עלטערע היסטאָריע־ביכער, די „נביאים ראשונים", ווען מיר האַלטן זיך ביי דער טראַדיציע, געפינען מיר אויך אין קשיא גרעסער פאַר דער אַנדערער אין די נבואות פון די נביאים. אַט די נביאים, וואָס לויט דער טראַדיציע האָבן זיי נישט מער ווי איבערגע'חזר'ט דאָס, וואָס אידן האָבן לאַנג שוין מקבל געווען ביים באַרג סיני, ווייסן גאָר לגמרי ניט פון משה'ן און פון זיין געשריבענער תורה און דערמאָנען אים אויך אין ערגעץ ניט *). די נביאים ריידן אומעטום דירעקט אין גאָט'ס נאָמען און זיינען זייער אייגענע אויטאָריטעט. נאָך מער: אַ סך נביאים זיינען פשוט סותר תורת משה. עמוס, צום ביישפיל, זאָגט: „האָט איר מיר פיל געבראַכט שעכט־אָפּפער און מעל־אָפּפער אין די פערציג יאָר, וואָס איר האָט אַרומגעוואַנדערט אין מדבר, הויז פון ישראל?" (עמוס ה 25). עמוס ווייסט בכן פון דער טראַדיציע, אַז אידן האָבן אַרומגעוואַנדערט פערציג יאָר אין מדבר. ער ווייסט אָבער לחלוטין ניט פון אַ הייליגן משכן מיט אַן אויסגעאַרבעטן סיסטעם פון קרבנות, ווי דאָס ווערט באַשריבן אין „תרומה", „תצוה" און אין ספר ויקרא. — ירמיה זאָגט נאָך מער בפרטות: „איך האָב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן און האָב זיי ניט אָנגעזאָגט אין דעם טאָג ווען איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון מצרים וועגן אַ גאַנצאָפּפער און אַ שעכטאָפּפער (ירמיה ז 22). — אַז יחזקאל איז סותר די רייד פון דער תורה האָבן שוין איינגעזען די בעלי התלמוד, און עס איז טאַקע דערפאַר געווען אַ

*) אַ יוצא־מן־הכלל איז פסוק 22 קאַפּ. ג אין מלאכי, וואו עס ווערט אָנגעזאָגט צו געדענקען „די תורה פון מיין קנעכט משה'ן". דאָס באַציט זיך אָבער הפנים אויף דער תורה פון דברים, ניט אויף תורת כהנים, ווי עס איז צו זען פון די אויסדריקן „חורב" און „חקים ומשפטים", אויסדרוקן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ספר דברים.

רייד, אז מ'זאָל גונז זיין דעם ספר יחזקאל און אים פאַררעכענען צו די „ספרים חיצונים" (שבת י"ג).

דער סך־הכל דערפון איז, אַז די קריטישע פאָרשער פון דער ביבל האָבן איינגעזען, אַז די אידישע טראַדיציע האָט אַוועקגע־שטעלט די אידישע געשיכטע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. לויט דער טראַ־דיציע איז די אידישע געשיכטע אַ פּראָדוקט פון דער תורה, און ווען אידן וואָלטן געהאַט אַן אַנדער תורה, וואָלטן זיי דורכגעמאַכט אַן אַנדער געשיכטע. לויט דעם וויסנשאַפטלאַכן קוק אָבער איז פּונקט פאַרקערט: די תורה איז אַ פּראָדוקט פון דער אידישער געשיכטע אין דער אַלטער צייט, און ווען דער גאַנג פון דער אידישער געשיכ־טע וואָלט געווען אַן אַנדערער, וואָלט די אידישע תורה געווען אַן אַנדערע, אָדער בעסער: אידן וואָלטן גאָר איבערהויפּט ניט גע־וואָרן קיין פאָלק פון דער תורה, פּונקט ווי קיינע אַנדערע פעלקער אַרום זיי זיינען עס ניט געוואָרן.

די תורה איז אַ פּראָדוקט פון דער אידישער געשיכטע, און די גרעסטע מענשען, וועלכע האָבן באַוועגט די אידישע געשיכטע, זיינען געווען די נביאים. די ריכטיגע היסטאָרישע אָרדענונג איז דערפאַר ניט „תורה און נביאים", נאָר „נביאים און תורה". די נביאים האָבן ניט איבערגע'חזר'ט דאָס וואָס משה האָט מקבל געווען אויפ'ן באַרג סיני, נאָר משה'ס תורה, עס הייסט: די טראַ־דיציעס וועגן רעכט און אומרעכט, די געזעלשאַפטלאַכע אינסטי־טוציעס און די ריטועלע דינים זיינען כסדר מאָדיפיצירט און פונ־דאַסניי פאָרמולירט געוואָרן אין אַ שריפטלאַכער פאָרם לויט די אומשטענדן, וואָס האָבן כסדר זיך געענדערט און אונטער דער השפּעה פון דער גרויסער באַוועגונג אין אידישן לעבן, פון וועלכער די נביאים זיינען געווען די ערשטע וואָרטפירער.

אָבער ניט אַלע נביאים זיינען געווען פון דעמזעלבינן שניט. עס איז געווען אַ געוואַלדיגער מרחק צווישן די נביאים פון דער עלטערער צייט ביז אויף עמוס'ן און די נביאים פון עמוס'ן אַן. ערשטנס, זיינען די רייד פון די גרויסע נביאים פון עמוס'ן אַן

פאַרשריבן געוואָרן אין ביכער, בעת די נביאים פון דער עלטערער תקופה פאַר עמוס'ן האָבן געווירקט נאָר מיט זייערע מעשים און מיט זייער פּערזענלאַכקייט, אָבער ניט מיט דעם געשריבענעם וואָרט. די נביאים פון עמוס'ן אָן, די „נביאים אחרונים", ווערן דערפאַר באַצייכנט אין דער מאָדערנער ביבל־וויסנשאַפט אַלס געשריבענע אָדער ליטעראַרישע נביאים, און די נביאים ביז אויף עמוס'ן — אַלס מינדלאַכע. די שריפטלאַכע נביאים האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט פון די מינדלאַכע ניט נאָר אין דער פאָרם פון אויסדרוק, ניט נאָר דערמיט וואָס זיי זיינען געווען פּאָעטן און ליטעראַטן, נאָר זיי זיינען — לויט דעם אינהאַלט פון זייערע רייד — געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ נביאים. דער ערשטער פון זיי, עמוס, האָט דעריבער עפנטלאַך דערקלערט, אַז ער איז גאָר ניט קיין נביא און האָט אויך ניט קיין פאַרבינדונג מיט די „בני־הנביאים" (עמוס ז 14) *).

די נייע שריפט־נביאים פון עמוס'עס טיפּ זיינען עס געווען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט העכער איבער די מענטשן פון זייער צייט און איבער זייער גאַנצער סביבה, און האָבן באַגרינדעט דעם אידישן עטיש־מאָנאָטעאיסטישן וועלט־קוק. וועלהאַוזען און זיינע חברים האָבן דעריבער אין די לעצטע יאָרצענדליגן פון פאָריגן יאָרהונדערט אינגאַנצן אַראָפּגענומען די קרוין פון משה'ס קאָפּ און זי אַרויפגעזעצט אויפ'ן קאָפּ פון די גרויסע נביאים.

אָבער דער דאָזיגער קוק איז ענג און ניט שטריינג וויסנשאַפטלאַך. ער איז אויפגעקומען אין דער העברעער ביבל־קריטיק אין אַ געוויסער צייט אַלס רעאַקציע קעגן דער טראַדיציע. וואָרים פונקט ווי משה האָט ניט געקאָנט געבן צו די אידישע נאָמאַדישע שבטים אין מדבר די העכסטע השגה וועגן גאָט און דעם מענטשנ'ס אויפפירונג אין לעבן, אַזוי האָבן אויך עמוס און זיינע נאָכפאָלגער ניט געקאָנט באַשאַפן קיין „יש מאין". מיר געפינען אויך אין זייערע

*) באריכות וועגן דעם ווייטער, ז. 57.

רייד קיין שום שפור ניט דערפון, אז זיי קומען מיט א שפאגל־נייער לערע צו זייער פאלק. די גאלע היסטארישע אומשטענדן, פון דער צייט, ווען די שריפטלאכע נבואה איז אויפגעקומען, האבן ניט געקאנט ארויסברייינגען אזא געוואלדיגע דערשיינונג, אויב זי וואלט געווען גאר פון גרונט אויס א שפאגל־נייע זאך און וואלט קיין ווארצלען ניט געהאט שוין אין דעם פריערדיגן אידישן לעבן פון משה׳ן אן. דערצו נאך האבן די וויטערדיגע פארשונגען אין דער העבערער ביבל־קריטיק געבראכט צו דער איינזעעניש, אז די ליטעראריש פראדוקטן פון דער צייט פאר דער שריפטלאכער נבואה, ווי א שטיינער די עלטסטע פאלקס־מעשיות פון חומש (דער יהו׳יסט) און די נביאים־לעגענדעס פון ספר מלכים, ווייזן שוין שפורן פון די געדאנקען פון די שריפט־נביאים *).

א סך ביבל־פארשער פון דעם נייעם דור האבן דעריבער זיך פארנומען אביסל אויף אן אנדער וועג איידער וועלהאוזען און זיינע ערשטע שטריינגע נאכפאלגער. אמת טאקע, זאגן די דאזיגע פארשער, אז ערשט ביי די שריפט־נביאים זעען מיר קלאר אויסגעדריקט די אידישע מאנאטעאיסטיש־עטישע וועלט־באטראכטונג. אבער די שריפט־נביאים האבן שוין געהאט פארגייער אין דעם יהו׳יסט און אין אליהו און אלישע און זייער נאכפאלגער, די פארפאסער פון די נביאים־לעגענדעס אין ספר מלכים. עס איז דעריבער ניט ריכטיג כולל צו זיין די אידישע רעליגיע פון משה׳ן ביז עמוס׳ן אונטער איין נאמען און איין כאראקטעריסטיק; ווארים צוזאמען מיט׳ן גאנצן אידישן לעבן האט אויך די אידישע רעליגיע שוין פאר דער שריפטלאכער נבואה דורכגעמאכט א לאנגע אנטוויקלונג און איז שוין געשטאנען אויפ׳ן שוועל פון דער וועלט־באטראכטונג פון די נביאים. עס קומט אלזא לויט דעם אויס, אז די העברעע נבואה, די העברעע רעליגיע און מאראל פון די גרויסע נביאים, איז ניט

*) זעט „די גרויסע אידישע געשיכטע" פון חיים שויס, II, ז. 242—245.

געוועזן קיין נייע, פּלוצלאַכע און אָפּגעזונדערטע דערשיינונג, נאָר זי איז געוועזן אַ רינג, אַ גאָלדענער רינג, אין אַ לענגערער קייט, וואָס האָט זיך געצויגן פון משה'ן אָן, און עמוס שטעלט מיט זיך פאָר ניט דעם אָנהויב, נאָר גיכער דעם אָפּשלוס פון אַן עפּאָכע.

זיך האַלטנדיג ביי דער שיטה פון דעם דאָזיגן איינגערן דור ביבל־פאָרשער, אָבער ניט נאָכפאָלגנדיג אינגאַנצן קיין איינעם פון זיי, — וועל איך אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען פאַנאַנדערלייגן די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון נבואה ביי אידן.

II.

דער אויפקום פון נבואה ביי אידן

.1

דאָס וואָרט „נביא“

ווען מ'הויבט אָן ריידן וועגן נבואה און נביאים, פּאַסט זיך, מ'זאָל די ערשטע זאַך דערקלערן די באַדייטונג פון דעם וואָרט „נביא“. אָבער דאָס צו טאָן איז ניט אַזוי לייכט, ווי עס דוכט זיך פון אויבן אויף. וואָרים עס זיינען געווען נביאים ביי אידן כמעט טויזנט יאָר, און דאָס וואָס דער נביא איז געווען און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין איין צייט פון דער אידישער געשיכטע, איז ער ניט געווען און האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט אין אַן אַנדער צייט, מיט עטלאַכע הונדערט יאָר פריער אָדער שפּעטער. דאָס וואָרט „נביא“ האָט דעריבער אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט גאָר פאַרשיידענע באַדייטונגען.

עס איז אויך ניט זיכער, וואָס עס איז געווען דער טייטש פון דעם וואָרט לכתחילה, גאָר אין דער עלטסטער צייט. אין די מעשיות פון חומש איז „נביא“ אַ באַצייכענונג פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז געווען גאָט'ס פאַרשפּרעכער, וועלכער האָט גערעדט אין זיין נאָמען. „זעה“, זאָגט גאָט צו משה'ן, „איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ גאָט פאַר פרעה'ן און אהרן דיין ברודער וועט זיין דיין נביא“ (שמות ז 1). „נביא“ ווערט דאָ געברויכט, ווי עס איז צו זען פון צווייטן פסוק, אין היפּוך צו אלהים, אַלס דער שליח פון גאָט, וועלכער רעדט פאַר אים. עס ווייזט אָבער אויס, אַז גאָר לכתחילה האָט „נביא“ ניט געהאַט אַט די באַדייטונג, נאָר עס איז געווען אַ

באצייכענונג פאר א מענטשן, וועלכער האט אין א צושטאנד פון א ווילדער, רעליגיעזער אויפרעגונג ארויסגעלאזט פון מויל שטאר־קע, התלהבות׳דיגע ווערטער אדער קלאנגען. *)

ווען מיר ווילן וויסן, וואס אזוינס דאס איז געווען א נביא, קענען מיר אלזא ווינציג וואס לערנען פון דעם שורש און דער בא־דייטונג פון דעם ווארט, נאר מיר מוזן זוכן צו פארשטיין די נבואה אין איר היסטארישער אנטוויקלונג.

2.

משה אלס נביא

מיט וועמען דארפן מיר אנהויבן די געשיכטע פון נבואה ביי אידן? לויט דער טראדיציע איז דאס קיין פראגע ניט. דער ערשטער און גרעסטער נביא איז לויט איר געווען משה. ער איז געווען דער „אדון־הנביאים“, וואס נאך אים איז שוין מער אזא נביא ניט געווען ביי אידן (דברים ל״ד 10). יהושע איז שוין געווען א סך קלענער פאר משה׳ן. „משה׳ס פנים“, זאגט די גמרא, איז גע־ווען ווי די זון און יהושע׳ס פנים ווי די לבנה“ (בבא בתרא ל״ה, עמוד א). די נבואה האט לויט דעם זיך ניט אנטוויקלט פון נידע־ריגערע צו העכערע פארמען, נאר אומגעקערט: זי איז געגאנגען פון משה׳ן אן אויף צוריק, ביז זי איז אינגאנצן נסתלק געווארן.

די דאזיגע אויפפאסונג פון משה׳ן אלס נביא איז אבער ניט קיין וויסנשאפטלאכע. אמת, מיר געפינען דאס שוין אין חומש, אבער פונקט ווי די געזעצן פון חומש, די „תורה“, אזוי מוזן אויך די מעשיות פון חומש פארשטאנען ווערן אין ראם פון דער היס־טארישער סביבה, אין וועלכער זיי זיינען אויפגעקומען.

---

*) זעט וועגן דעם אין „ביבלישע טעאלאגיע דעם אלטען טעסטאמענטס“ פון ע. קאוטש, ז. 129, 130 אין דער באמערקונג אונטן, און אויך אין „געשיכטע דער איזראעליטישען אונד יידישען רעליגיאן“ פון גוסטאוו העלשער, ז. 84, 85 אין באמערקונג 7.

די מעשיות פון חומש זיינען פּאָעטיש, שיין און הייליג, ווייל זיי זיינען ניט קיין היסטאָריע, נאָר פ א ל ק ל א ר. זיי דערציילן ניט קיין היסטאָרישע געשעענישן, ווי אַ היסטאָריקער טוט, נאָר זיי גיבן איבער לעגענדעס, וואונדער־מעשיות פון דער אַלטער, פאָר־היסטאָרישער צייט, איידער אידן האָבן זיך באַזעצט אין זייער לאַנד. געוויס זיינען די דאָזיגע מעשיות אין אַ גרויסער מאָס די פּאָעטישע אָפּשפּיגלונג אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק פון אמת'ע פּאַסירונגען און צושטענדן. אָבער אין דער פאָרם, ווי מיר האָבן זיי היינט אין חומש, זיינען די מעשה'לעך דערציילט און אויפגע־שריבן געוואָרן אין דער היסטאָרישער צייט, בשעת אידן זיינען שוין געזעסן אין זייער לאַנד. אין דער צייט ווען די דאָזיגע גע־שעענישן זיינן פאָרגעקומען, זאָגט אַ שרייבער פון חומש, האָט נאָך דער כנעני און דער פרזי געוואוינט אין לאַנד (בראשית י"ג 7). עס הייסט: איצט, אין דעם שרייבער'ס צייט, זיינען אידן שוין געוועזן די באַלעבאַטים פון לאַנד און די עלטערע איינוואוינער, די כנענים, זיינען שוין געוועזן אַסימילירט פון די אידן. *)

די מעשיות פון חומש וועגן דער פאָרהיסטאָרישער צייט זיינען בכן אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר דער אידישער געשיכטע פון דער היסטאָרישער צייט, פון דער צייט, וועגן וועלכער עס דערציילן אונז די „נביאים ראשונים": ווייל מיר זעען פון זיי וואָסערע מעשיות אידן האָבן זיך דערציילט און וואָסערע השגות זיי האָבן געהאַט, בשעת זיי האָבן געוואוינט אויף זייער לאַנד, וועגן דער אוראַלטער צייט, איידער זיי זיינען געוואָרן אַ פאָלק.

ווען מ'וויל ריכטיג פאַרשטיין אידישע געשיכטע, מוז מען דע־ריבער לייענען די מעשיות פון חומש אין צוזאַמענהאַנג מיט די היסטאָריע־ביכער פון „נביאים ראשונים". מ'מוז זען וואָס פאַר אַ פּעריאָד פון אידישן לעבן אין דער היסטאָרישער צייט עס שפּיגלט זיך אָפּ אין די מעשיות פון חומש וועגן דער פאָרהיסטאָרישער צייט.

---

*) אויף דעם דאָזיגן פסוק האָט דער אבן־עזרא שוין אויפמערקזאַם געמאַכט.

ווען מיר לייענען אין חומש די מעשיות און די באַשרייבונגען פון משה'ן פון אַ וויסנשאַפטלאַכן שטאַנדפּונקט, זעען מיר דערמאָלט, אַז די פאָרשטעלונג וועגן משה'ן אַלס אַ נביא איז אַ פּראָדוקט פון דער צייט, ווען דער נביא איז געווען אַ גרויסער פירער ביי אידן און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן. ווען דער באַליבטער פירער פון פאָלק איז געווען דער נביא, האָט דאָס פאָלק נאַטירלאַך זיך אויך פאָרגעשטעלט משה'ן אַלס נביא *). דער אויסדרוק גופא „און עס איז מער ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל אַזאַ נביא ווי משה" האָט געקאָנט געברויכט ווערן נאָר אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, ווען עס האָט שוין געלעבט און געווירקט אַ גאַנצע ריי פון נביאים. דער שרייבער פון חומש זאָגט דעריבער, אַז די אַלע נביאים קומען קיינער ניט אין זייער גרויסקייט צו משה'ן.

אָבער דער נביא פון דער היסטאָרישער צייט, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין די מעשיות און אין די פאָרשטעלונגען וועגן משה'ן, איז ניט קיין נביא פון דעם טיפּ פון אַ עמוס און אַ ישעיה, נאָר איז אַ נביא פון דעם טיפּ פון די עלטערע מינדלאַכע נביאים, אַשטייגער ווי אליהו און אלישע. **) משה אַלס נביא איז נאָך אַ „איש האלהים", אַ געטלאַכער מאַן, וואָס טוט אַלערליי וואונדער (מלכים ב, ד: פאַרגלייכט דברים ל"ג 1), פּונקט ווי אליהו און אלישע.

משה אַלס נביא איז אָבער ניט געווען די עלטסטע פאָרם פון דער משה־לעגענדע. די פיגור פון משה'ן האָט געלעבט אין אידישן פאָלק לאַנג נאָך איידער נביאים האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אַלס פאָלקס־פירער. משה איז קענטיג די גאָר עלטסטע פיגור פון דער אידישער לעגענדע. וואָרים אַלע לעגענדאַרישע העלדן פון דער עלטסטער צייט האָבן אין דער פאָלקס־טראַדיציע געהאַט

---

*) אויך אברהם ווערט אָנגערופן נביא (בראשיה כ 7).

**) באריכות וועגן אָט די צוויי טיפּן נביאים ווייטער אין דעם קאַפּיטל איבער די פאָלקסטימלאַכע און די גרויסע נביאים.

לאָקאַלע פאַרבינדונגען מיט דעם אידישן לאַנד. מ׳האָט געוויזן וואו זיי האָבן געוואוינט און וואו זייערע קברים געפינען זיך. דאָס באַדייט אַזויפיל, אַז די אַלע לעגענדעס האָבן זיך אַנטוויקלט אין ארץ־ישראל. משה איז דער איינציגער, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זיין קבר געפינט זיך. דאָס הייסט: משה איז די איינציגע לעגענדאַרישע פיגור, וואָס האָט ניט איר מקור אין דעם אידישן לעבן אין ארץ־ישראל, נאָר אידן האָבן זי שוין געבראַכט פון מדבר.

וואָס איז געווען משה אין דער אידישער טראַדיציע אין דער עלטערער צייט, איידער מ׳האָט זיך אים פאַרגעשטעלט אַלס נביא?

פון פאַרשיידענע צעוואָרפענע שטעלן אין תנ״ך איז לייכט צו דרינגען, אַז משה האָט געגאָלטן אַלס דער ערשטער כהן פון גאָט יהוה און דער באַגרינדער פון זיין קולט. אַלס כהן האָט ער אויך געהאַט דעם אָראַקל פון גאָט, דעם „אורים ותומים", וואָס איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ פאַר די אידישע שבטים אין מדבר. ווען דער שעיך פון שבט האָט ניט געקאָנט אַנטשיידן אין אַ שטריי־טיקייט, האָט מען זיך דעמאָלט געווענדט צו משה׳ס אָראַקל אין קדש (שמות י״ח). די כהנים אין דן, איינס פון די עלטסטע און וויכטיגסטע הייליגטימער אין ארץ־ישראל, האָבן זיך דעריבער מתיחס געווען צו משה׳ס אַן איינִיקל (יהונתן בן גרשון בן משה, שופטים י״ח 30).

משה איז אָבער אין דער לעגענדע פון פאָלק אַלץ מער און מער דערהויבן געוואָרן, אַלץ מער און מער איז ער געוואָרן איבערמענטש־לאַך און גיגאַנטיש. מיר געפינען נאָך אין תנ״ך פאַרדעקטע מי־טאָלאָגישע שטריכן אין משה׳ן. עס ווערט, למשל, דערציילט פון אַ קריג, וואָס משה האָט געהאַט מיט יהוה („תריבהו על מי מריבה", דברים ל״ג 8). איינמאָל האָט יהוה געטראָפן משה׳ן אונטערוועגנס, האָט ער אים גאָר געוואָלט טויטן (שמות ד 24). דאָס אַלץ איז געווען וואויל באַקאַנט דעם שרייבער פון חומש, וועלכער שטעלט פאַר משה׳ן אַלס נביא. ער ציט דעריבער אַ שאַרפע ליניע צווישן

משה'ן און אַלע אַנדערע נביאים. צו אַלע נביאים, זאָגט ער, באַווייזט זיך גאָט אין אַ זעאונג, אין אַ חלום; משה אָבער איז געווען אַ בן־בית ביי גאָט. ער האָט געקוקט אויף אים און גערעדט מיט אים מויל צו מויל (במדבר י"ב; ענלאַכעס אויך אין שמות ל"ג 11). דער שרייבער פון חומש מיינט דאָ באמת צו זאָגן דאָס, וואָס מיר וואָלטן געזאָגט אויף אַ מאָדערנעם אופן, אַז משה'ס שייכות צו גאָט איז געווען אַ מיטאָלאָגישע, בעת די שייכות פון אַלע אַנדערע נביאים צו גאָט איז בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע. *)

אידן זיינען אָבער געווען פון דער סאַמע עלטסטער צייט אָן אַנטי־מיטאָלאָגיסטן. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַ צו גרויסער מקורב צו גאָט. אין אַן אַנדער שטעל פון חומש געפינען מיר דעריבער אָפּגעשוואַכט משה'ס צו גרויסע נאָנטקייט צו גאָט. „קיין מענטש", שטייט עס דאָרטן, „קאָן ניט זען גאָט און בלייבן לעבן". אויך משה האָט געקאָנט זען גאָט נאָר פון הינטן, אָבער אין זיין פּנים האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט ארייַנקוקן. **)

נאָר וואָס משה האָט ניט געמעגט זיין אין די עלטסטע שיכטן פון דער אידישער טראַדיציע, איין זאַך איז אָבער זיכער: אַז די פאָרשטעלונג וועגן משה'ן אַלס נביא איז אַ פּראָדוקט פון יענער צייט אין דער אידישער היסטאָריע, ווען דער נביא איז געווען דער פּאָפּולערסטער פירער פון פאָלק, אַמבעסטן: די צייט פון אליהו און אלישע. די געשיכטע פון נבואה מוזן מיר דעריבער אָנהויבן ניט מיט משה'ן, נאָר מיט דער היסטאָרישער צייט.

---

*) „מאָזע אונד זיינע צייט" פון הוגאָ גרעסמאַן, 1913, ז. 265, 266.

**) שמות ל"ג 20—23. דאָס איז, דרך־אגב, אויך אַ סתירה צו פּסוק 11 אין זעלביגן קאַפּיטל, פּונקט ווי צו דעם נאָר־וואָס ציטירטן שטעל אין במדבר י"ב. אין אַט די ביידע שטעלן איז משה'ס שייכות צו גאָט אַ צו־נאָנטע, אַ מיטאָלאָגישע.

3.

שמואל דער „רואה“

דער ערשטער, וועלכער ווערט אין די היסטאָריע־ביכער פון תנ״ך, אין „נביאים ראשונים“, אָנגערופן מיט׳ן נאָמען נביא, איז שמואל. אָבער אויך מיט שמואל׳ס פערזאָן קענען מיר נישט אָנהויבן די געשיכטע פון נבואה ביי אידן. ווארים די געשיכטעס און לעגענדעס וועגן שמואל׳ן לאָזן אים אויפטרעטן אין אַלע ראָלעס, וועלכע זיינען מעגלאַך געווען פאַר אַ פּראָמינענטן מאַן אין יענער צייט. ער איז אַ זעער („רואה“, שמואל א, ט 9, 11, 19), אַ נזיר (א 11), אַ כהן (ג 1, ט 13), אַ שופט (י״ב) און אַ נביא, וועלכער טרעט אויף געגן דעם קעניג, ווי אַ שטייגער אליהו (ט״ו). דאָס איז אַ גוטער באַווייז פאַר דעם, אַז פון משה׳ן אַז ביז דער גרינדונג פון דער מלוכה איז נישט געווען ביי אידן גאָר אַ מאַן פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג“. *)

מיר זעען אָבער אויך דערפון, אַז די געשיכטעס וועגן שמואל׳ן זיינען נישט קיין איינהייטלאַך ווערק, נאָר זיינען צונויפגעשריבן געוואָרן פון פאַרשיידענע קוואַלן. אין דעם עלטערן קוואַל איז שמואל אַ זעער און אַ כהן. אין דעם אינגערן איז ער אַ שופט און אַ נביא. די פאָרשטעלונג וועגן שמואל׳ן אַלס נביא איז אַ פּראָדוקט פון דערזעלביגער היסטאָרישער סביבה און פון דיזעלביגע קרייזן פון פאָלק, פון וואַנען עס שטאַמט אויך די פאָרשטעלונג וועגן משה׳ן אַלס נביא. דאָס איז בערך די צייט פון אליהו און אלישע, ווען דער נביא איז געוואָרן דער פּאָפּולערער פאָלקס־פירער אין ישראל.

---

*) הערמאַן גוטהע אין זיין „געשיכטע דעס פאָלקעס איזראַעל“, דריטע אויפלאַגע 1914, ז. 83. אַזוי אויך גרעסמאַן אין זיין ווערק „די עלטעסטע געשיכטסשרייבונג אונד פּראָפעטי איזראַעלס“. 1921, ז. 35, 36.

אין דעם עלטערן נוסח אָבער ווערט שמואל אָנגערופן „רואה", זעער. און דער שרייבער פון יענעם באַריכט לייגט נאָך צו אַ דער־קלערונג, אַז „וואָס היינט איז אַ נביא, איז פאַרצייטן אָנגערופן געוואָרן „רואה" (שמואל א, ט 9). דער שרייבער, הייסט עס, האָט געלעבט לאַנג נאָך שמואל'ן, ווען דער „נביא" האָט שוין געהאַט איבערגענומען די פונקציעס פון דעם אַמאָליגן „זעער" און געזאָגט נביאות אין גאָט'ס נאָמען. אָבער ער, דער שרייבער, ווייסט נאָך, אַז ווען מ'האָט אַמאָל, אין די עלטערע צייטן, געוואָלט קריגן אַן אָראַקל פון גאָט, ווען מ'האָט געוואָלט וויסן דאָס, וואָס ליגט פאַר־באָרגן פון דעם מענטשנ'ס אויג, איז מען געגאַנגען ניט צום נביא, נאָר צום זעער *).

מיר זעען קלאָר דערפון, אַז עס איז געווען אַ צייט אין אידישן לעבן, ווען די נביאים זיינען נאָך ניט געווען קיין נביאות־זאָגער, און דער „איש־האלהים", דער מאַן וואָס האָט געהאַט אַ פאַרקער מיט גאָט און האָט מיטגעטיילט צו די מענטשן גאָט'ס ווילן און זיינע פּלענער, האָט געהייסן „רואה" אָדער „חוזה", צוויי סינאָני־מען פון „זעער". **)

מיר קענען דערפאַר ניט אָנהויבן די געשיכטע פון נבואה ביי אידן מיט שמואל'ן אַלס דעם ערשטן נביא.

---

*) באַריכות וועגן דעם אין „די עלטעסטע געשיכטסשרייבונג אונד פּראָפעטיע איזראַעלס" פון הוגאָ גרעסמאַן, ז. 36—41 און אין „די פּראָ־פעטען" פון גוסטאַוו העלשער, ז. 125—128.

**) פונקט ווי שמואל ווערט באַצייכנט אַלס רואה, אַזוי ווערט גד באַצייכנט אַלס „חוזה". „חוזה דוד", דוד'ס זעער, און „חוזה המלך", דעם קעניג'ס אָפיציעלער זעער, ווערט גד אָנגערופן (שמואל ב, כ"ד 11. דאָס וואָרט „הנביא" פאַר „חוזה" איז אַ שפּעטערע הוספה. דברי הימים ב כ"ט 25).

.4

די ערשטע נביאים ביי אידן

פונקט ווי מ׳קען, וויסנשאפטלאך, ניט ריידן פון ד ע ם ע ר ש ט ן מענטשן (אדם), אדער פון ד ע ם ע ר ש ט ן אידן (אברהם), נאר פון ד י ע ר ש ט ע מענטשן און פון ד י ע ר ש ט ע אידן, אזוי קען מען אויך ניט ריידן פון ד ע ם ע ר ש ט ן נביא (משה אדער שמואל), נאר פון ד י ע ר ש ט ע נביאים. די פראגע פון דער אנטשטייאונג פון נבואה ביי אידן מוז דעריבער פארמולירט ווערן ניט: ווער איז געווען דער ערשטער נביא, נאר: אין וועלכער צייט אין דער אידישער געשיכטע געפינען מיר צום ערשטן מאל א קלאס מענטשן, וועלכע האבן געטראגן דעם נאמען נביאים, און מיט וואס האבן זיי זיך אונטערשיידט פון די פריערדיגע „רואים״ און „חוזים״.

אויףביידע פראגן געפינען מיר אן ענטפער אין ספר שמואל, אין דער געשיכטע ווי שאול טרעפט זיך דאס ערשטע מאל מיט שמואל׳ן. מיר געפינען דארטן א לעבעדיגע שילדערונג ווי א קאמפאניע נביאים (חבל נביאים) גייען צוריק פון דער „במה״. פאראוים גייען מוזיקאנטן מיט א הארף און א פויק און א פייפל און א גיטאר, און די נביאים גייען הינטער זיי אין פולן עקסטאז. *) שמואל, שטייט דארטן, האט שוין פאראויסגעזאגט שאול׳ן, אז ער וועט טרעפן אזא קאמפאניע נביאים אין גבעה און וועט אויך מיטגעריסן ווערן פון זייער עקסטאז, און אז דאס וועט אזוי ווירקן אויף אים, אז ער וועט זיך גאר ממש פילן דערנאך ווי אן אנדער מענטש (שמואל א, י). אין א צווייטן שטעל ווערט דערציילט,

---

*) „והמה מתנבאים״, עס הייסט (אין בנין התפעל): זיי פירן זיך אויף, זיי מאכן עקסטאטישע באוועגונגען, זיי זינגען און שפרינגען פון ווילדער התלהבות ווי נביאים.

אז שאול, ווערנדיג מיטגעריסן פון דעם עקסטאז פון די נביאים, האט פונקט אזוי ווי זיי אראפגעריסן פון זיך די קליידער און איז געלעגן נאקעט ווי פאר׳שיכור׳ט א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט (שמואל א, י״ט 20—24).

די ערשטע נביאים טרעפן מיר בכן אין שמואל׳ס צייט, און זייער הויפט־כאראקטעריסטיק איז געווען עקסטאז, רעליגיעזע התלהבות. דאס האט זיי אויסגעצייכנט פון דעם „רואה“ און „חוזה“, וועלכע האבן געזען דורך אויסערלאכע צייכנס, אבער זייער אינערלאכע פערזענליכקייט איז דערפון ווייניג באַרירט געווארן. די צייכנס, וואס דער „רואה“, אדער דער „חוזה“, האט באמערקט, זיינען געווען פארשיידענע, און מ׳געפינט זיי ביי א סך פעלקער אין דער אלטער צייט. א גרויסע ראלע אין די דאזיגע פרימיטיווע זעאונגען האבן געשפילט די חלומות, וואס מ׳האט געזען אין א שלאפנדיגן אדער האלב־שלאפנדיגן צושטאנד, און סתם פאנטאסטישע בילדער, וואס מ׳האט געזען אין א פינסטערער נאכט. אפטמאל האט מען ביינאכט ניט בלויז געזען א פאנטאסטיש בילד, נאר מ׳האט אויך געהערט א פארבארגענע שטים. *)

דער „רואה“ האט דערפאר געקאנט „זען“ אלעמאל, ווען נאר ער האט באמערקט, אדער ווען עס האבן זיך אים באוויזן, געוויסע אויסערלאכע צייכנס. גאנץ אנדערש איז אבער געווען דער נביא. ער האט געזען נאר אין מאמענטן פון עקסטאז, און זיין זעאונג איז געווען ניט קיין אויסערלאכע, נאר אן אינערלאכע, פון זיך אליין ארויס. אויפגערעגט און אויפגעציטערט ביז דעם סאמע גרונט פון זיין הארץ, זיין גאנצע פערזענליכקייט פארזונקען אין די אומבא־

*) יעקב הערט אזא פארבארגענע שטים, לויט דער לעגענדע, אין א נאכט־זעאונג („במראות־הלילה“, בראשית מ״ו 2). אברהם הערט גאט׳ס ווארט אין א „מחזה“ ביינאכט (בראשית ט״ו 1). אויך שמואל הערט גאט׳ס שטים ביינאכט (שמואל א, ג). א מערקווירדיגע געניע שילדערונג פון אזא נאכט־זעאונג, ווען ס׳הערט אויך א פארבארגענע שטים, האבן מיר אין איוב ד 12—16.

קאַנטע טיפענישן פון זיין נשמה, האָט ער געפילט, אַז ער איז פאַראייניגט מיט גאָט און אַז ער זעט אַ וועלט, וועלכע ליגט הינטער אונזערע חושים און אונזער שכל.

אָבער ווי עס זאָל ניט זיין מיט דער אַנטשטייאונג פון נבואה ביי אידן, ווייסן מיר אָבער, אַז אין שמואל׳ס צייט פלעגן שוין גרופּעס רעליגיעזע עקסטאַטיקער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „נביאים“, ארומציען איבער׳ן לאַנד זינגענדיג און טאַנצנדיג. דער קלאַנג פון רוישנדיגער מוזיק האָט געדינט אַלס מיטל צו דערוועקן די ווילדע התלהבות, דעם עקסטאַז, פון וועלכן יעדערער איז מיטגעריסן געוואָרן, ווער עס איז נאָר מיט זיי געקומען אין באַרירונג. *) עס ווייזט אָבער אויס, אַז מ׳האָט נאָך דעמאָלט געקוקט אויף די דאָזיגע עקסטאַטיקער ווי אויף אַ נייער, משונה׳דיגער דערשיינונג אין אידישן לעבן, און דאָס פאָלק האָט פון זיי קיין שטאַרק הויכע מיינונג ניט געהאַט. דאָס זעט מען באַשיינפּערלאַך פון דעם אַלטן שפּריכוואָרט: „ווי קומט שאול צווישן די נביאים?“ מ׳האָט זיך, הייסט עס, געוואונדערט, ווי שאול, אַ מאַן פון אַזאַ אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, קומט אין אַזאַ מין געזעלשאַפט. **) אין אַפּי־

*) אַז מוזיק איז אָנגעווענדט געוואָרן אַלס מיטל צו דערוועקן דעם עקסטאַז ביי די נביאים, געפינען מיר אויך אין די מעשיות וועגן אלישע׳ן (מלכים ב, ג 15).

**) אַזוי דערקלערן עס איצט די מערסטע מאָדערנע ביבלפאָרשער, און דאָס לעגט זיך בעסער אויפ׳ן שכל ווי אָנצונעמען פאַרקערט: אַז דאָס ווערטל דריקט אויס פאַראַכטונג צו שאול׳ן. עס איז אָבער דאָ אויך אַ דריטע, גאַנץ אָריגינעלע דערקלערונג וועגן דעם. לויט דער דאָזיגער דערקלערונג האָט דאָס וואָרט „שאול“ פון דעם ווערטל „הגם שאול בנביאים?“ לכתחילה גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער פּערזאָן פון קעניג שאול, נאָר דאָס האָט באַדייט „אַן אָוועקגעליענער צו גאָט“, איינער וועמען מ׳האָט שוין אין דער קינדהייט אָוועקגעגעבן אויפ׳ן גאַנצן לעבן אַלס משרת אין אַ הייליגטום. אַלס אַזאַ אָוועקגעליענער ווערט אויך שמואל פאָרגעשטעלט („כל הימים אשר היה הוא שאול ליהוה“, שמואל א, א 28),

ציעלע קרייזן האָט מען נאָך אפילו אין פיל שפּעטערע צייטן באַ־טראַכט דעם עקסטאַטישן נביא פאַר אַ האַלב משוגענעם. ווען איינער פון די „בני־הנביאים" קומט זאַלבן יהוא בן־נמשי פאַר אַ מלך, פרעגן די אָפיצירן יהוא׳ן: „צו וואָס איז אָט דער משוגענער געקומען צו דיר?" *)

אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטניש שמואל איז געשטאַנען צו די עקסטאַטישע נביאים פון זיין צייט, קען מען ניט וויסן. אין איין שטעל ווערט געשילדערט, ווי שמואל שטייט לעבן אַ קאָמפּאַניע נביאים און קוקט־צו צו זייערע עקסטאַטישע באַוועגונגען (שמואל א, י״ט 20). עס זעט אויס פון דעם, אַזוי ווי שמואל וואָלט געווען זייער פירער און לערער. זיכער איז דאָס אָבער ניט. אויף יעדן

און לויט בערנהאַרד דוהם אין זיין באַריכטן ווערק „איזראַעל׳ס פּראָ־פעטען" איז געווען ביי אידן פאַרצייטן אַ גאַנצער קלאַס פון אַזעלכע „שאולים", פּונקט אַשטייגער ווי עס זיינען געווען „נזירים" און נביאים. „הגם שאול בנביאים?" האָט, אַלזאָ, לכתחילה באַדייט: ווי קומט אַ „שאול", אַן אַוועקגעליענער אין אַ הייליגטום, צווישן די נביאים? ערשט שפּעטער האָט מען דעם „שאול" פון דעם ווערטל אויסגעטייטשט אויף דער פּערזאָן פון קעניג שאול, און עס זיינען אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן צוויי מעשיות, אין וועלכע עס ווערט פאָרגעשטעלט, אין צוויי באַזונדערע נוסחאות, ווי אַזוי שאול האָט זיך געפונען אין אַ קאָמפּאַניע נביאים (איין נוסח אין שמואל א, י, און דער אַנדערער ביים סוף פון קאַפּ. י״ט). באַריכות וועגן דעם אין דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן בוך פון דוהם אויף זייט 79 און אין דעם אַרטיקל פון ה. מארטשינער „ביבלישע קליינפּראָב־לעמע" אין מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעם יודענ־טומס", 1930, העפט 7—8.

*) „מדוע בא המשוגע הזה אליך?" אויך יהוא אין זיין ענטפער דריקט זיך אויס מיט פאַראַכטונג: „אַתם ידעתם את האיש ואת שיחו", ווי איינער זאָגט: „ווער הערט דאָס, וואָס אַזאַ מענטש פּלוידערט?" — מלכים ב, ט 11. אפילו אין ירמיה׳ס צייט זיינען נאָך „משוגע" און „מתנבא" געווען שמות־נרדפים, ירמיה כ״ט 26.

פאל אבער איז די נבואה, אזוי ווי מיר טרעפן זי ביי אידן אין אירע עלטערע שטופעס, געווען אן אלגעמיינע דערשיינונג אין דעם רעליגיעזן לעבן פון די מענטשן ביי פארשיידענע פעלקער און אין פארשיידענע עפאכעס פון דער געשיכטע פון גאר אמאל ביז היינטיגע צייטן *).

.5

נבואה און נביאים אין די עלטסטע צייטן

אין די אוראלטע צייטן זיינען ביי אידן געווען פארשיידענע סארטן זעער און אראקל־געבער, אויף וועלכע מ'האט געגלויבט, אז זיי האבן א פארקער מיט גאט אדער מיט די געהיימע גוטע און שעדלאכע כחות און רוחות פון דער נאטור. אויך דער אפיציעלער קולט פון יהוה איז געווען פארבונדן אין די אלטע צייטן מיט אן אראקל. דער כהן אין הייליגן ארט האט געהאט אן „אפוד“ אדער „אורים־ותומים“ (אזא סארט גורל־אפאראט), מיט וועלכן ער פלעגט טרעפן דאס פארבארגענע און פאראויסזאגן די צוקונפט. ווארים פונקט ווי מענטשן האבן פארצייטן געגלויבט, אז גאט אנטפלעקט די צוקונפט דורך חלומות, אזוי האבן זיי אויך געגלויבט, אז אין דעם גורל, וואס מ'ווארפט, אנטפלעקט זיך גאט'ס ווילן **)

*) אין תנ"ך גופא ווערן דערמאנט „נביאי־הבעל“ און „נביאי־האשרה“ (מלכים א, י"ח 19). וועגן א רעליגיעזן עקסטאטיקער, וועלכער האט געזאגט נביאות אין גאט'ס נאמען אין הויף פון דעם פעניקישן מלך זכרבעל פון ביבלאס (אן ערך 1100 פאר דער קריסטלאכער ערא) זעט ביי קיטעל אין „די גרויסע אידישע געשיכטע“ צוזאמענגעשטעלט פון חיים שוים, באנד III, ז. 23, 24.

**) ביישפילן, ווי אזוי דער כהן פלעגט מיט'ן אפוד ענטפערן אויף די פראגן פון דעם, וועלכער פלעגט צו אים קומען „פארשן גאט“ („לדרש את יהוה“, „לשאל ביהוה“ אדער „לשאל באלהים“), האבן מיר אין: שופטים י"ח 5, 6; כ 27, 28; שמואל א, י"ד 36—43; כ"ג 2, 9—12; ל 7, 8; שמואל ב, ב 1; ה 19, 23, 24; כ"א 1.

ביי דער זייט פון דעם אפיציעלן אראקל־געבער, דעם כהן, האבן אבער אויך עקזיסטירט א סך פריוואטע זעער און טרעפער. אויך שמואל איז קענטיג געווען א פריוואטער זעער. האט איינער וואס פארלארן, ווי שאול, למשל, זיינע אייזלען, איז ער געגאנגען צום „רואה", ער זאל טרעפן פאר אים וואו די אבדה געפינט זיך. דער „רואה" האט דערפאר באקומען א לעבל ברויט אדער א פערטל „שקל" (שמואל א, ט 7, 8). אין וואס עס איז באשטאנען דער חילוק צווישן א „רואה" און א „חוזה" קענען מיר ניט וויסן. מ'מוז אבער האלטן דערביי אין זינען, אז פאר די שפעטערדיגע נביאים ווערט א סך מאל אנגעווענדט דער נאמען „חוזה", אבער ניט דער נאמען „רואה". מ'מעג אפשר דערפון ארויסדרינגען, אז א „חוזה" איז געווען אן איידעלערער סארט זעער איידער א „רואה". עס קאן זיין, אז א „חוזה" האט אין די עלטסטע צייטן געזען נאכט־זעאונגען אדער ער האט געקוקט אין די שטערן (פארגלייכט „החוזים בכוכבים", ישעיה מ"ז 13). גד איז פילייכט געווען דער אפיציעלער הויף־אסטראלאג ביי דוד'ן. דאס זיינען אבער, נאטיר־לאך, ניט מער ווי השערות.

גאר אין די עלטסטע צייטן האט, קענטיג, דער נביא גארניט געהאט צו טאן מיט אט די זעער און אראקל־געבער. דער רעליגיע־זער עקסטאז, דאס ווערן אויסער זיך און ניט פילן פון זיך דורכ'ן ארייגפאלן אין א פייערדיגער, רעליגיעזער התלהבות, איז ביי די נביאים, פונקט ווי אין אונזערע צייטן ביי די חסידים, געווען נאר א מיטל פאר א טיפערע און שטארקערע פרומקייט, א מיטל זיך צו פאראייניגן און באהעפטן מיט גאט אין מאמענט פון דעם קולט אין הייליגן ארט. מיט דער צייט אבער איז דער נביא געווארן א פאראויסזאגער פון דער צוקונפט, א קאנקורענט פון די זעער און די אראקל־געבער. מער ניט ער, דער נביא, האט געזען פארבאר־גענע זאכן און האט געהערט א שטים פון גאט נאר אין מאמענטן פון עקסטאז, פון „עלית־נשמה".

אַ געוויסע צייט זיינען, ווייזט אויס, געשטאַנען ביי אידן אויף איין שטופע די נאָכטזעאונגען פון דעם זעער, דער אָראַקל, וואָס דער כהן האָט געגעבן מיט דעם אורים־ותומים, און די נביאות פון דעם נביא. אויף שאול׳ן, למשל, ווערט דערציילט, אַז ער האָט געלאָזט פרעגן גאָט דורך אָט די אַלע דריי מיטלען, און אַז ער האָט אין ערגעץ קיין ענטפער ניט באַקומען („ולא ענהו יהוה גם בחלומות, גם באורים, גם בנביאים", שמואל א, כ״ח 6), איז ער געגאַנגען צו אַ טויטן־באַשווערערן („אשת בעלת אוב"). צו אַ טויטן־באַשווערערן גיין איז געווען אַ זינד, ווייל איר אָראַקל האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט גאָט, מיט יהוה, נאָר מיט די רוחות.

וואָס ווייטער אָבער, אַלץ מער איז דער גורל־אַפּאַראַט פון דעם כהן, דער „אפוד" אָדער „אורים־ותומים", געפאַלן, און דאָס וואָרט פון דעם נביא איז געשטיגן אין חשיבות ביים פאָלק. דער „אפוד" האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער שופטים־צייט און אויך אין דער ערשטער צייט פון דער מלוכה. שפּעטער אָבער, פון נאָך דוד׳ן אָן, ווערט מער ניט דערמאָנט, אַז מ׳זאָל זיך האָבן געווענדט צו דעם אפוד נאָך אַ וואָרט פון גאָט. ער איז קענטיג אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דעם נביא, באַזונדערס נאָך פון אליהו׳ס צייט אָן, זינט עס זיינען אויפגעשטאַנען נביאים מיט אַ הויכן רעליגיעזן ערנסט און אָן אומבויגזאַמער ווילנסקראַפט, נביאים, וועלכע זיינען געשטאַנען העכער פון זייער סביבה. געגן די רייד פון אַזעלכע נביאים האָט דער סקאַרבאָווער אָראַקל פון דעם כהן זיך ניט געקאָנט שטעלן און איז געוואָרן אומפּאָפּולער. *)

נאָר אינגאַנצן אָבער איז דער אורים־ותומים ניט פאַרשוואונדן ביז נאָכ׳ן חורבן (עזרא ב 63). אויך דער זעער פון חלומות האָט נאָך עקזיסטירט דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלוכה. ירמיה

---

* באריכות וועגן דעם פאַרהעלטניס צווישן דעם אָראַקל פון דעם „אפוד" און דעם וואָרט פון דעם נביא אין דעם אַרטיקל פון הובערט גרימע „עפהאָד־ענטשיידונג אונד פראָפעטענרעדע" אין די „אָריענטאַלישע שטודיען פריטץ האָמעל צום זעכציגסטען געבורטסטאַג", לייפּציג 1918

האָט נאָך שטאַרק איינגע׳טענה׳ט מיט די אידן פון זיין צייט, אַז זיי זאָלן ניט פאַרבייטן די נביאים, וועלכע האָבן גערעדט פון זיך אַליין אַרויס, אין דער אויפרעגונג פון זייער געמיט, מיט די חלומות־זעער (כ"ג 25—32). דער פשוט׳ער איד אָבער האָט זיך ניט גע־קאָנט פונאַנדערקלייבן אין דעם. פאַר אים איז געווען אַלץ איינס אַ „נביא", אַ חולם חלום" און אַ „קוסם", און אַזוי האָט מען אויך באַנוצט אָט די אויסדרוקן אין דער געוויינלאַכער שפּראַך *).

אַ סך לערנען אין דעם פּרט קענען מיר פון דער מעשה מיט בלעם׳ען. בלעם שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאָעט, אַ מכשף, אַ זעער און אַ נביא אין איין פּערזאָן. ער איז אַ מכשף, וואָרים בלק׳ס שלוחים קומען צו אים מיט צויבער־מיטלען אין זייער האַנט („וקסמים בידם", במדבר כ"ב 7). אין נאָך אַ שטעל ווערט ער באַצייכנט אַלס שלאַנגען־באַשווערער („ולא הלך כפעם־בפעם לקראת נחשים", במדבר כ"ד 1). **) ער איז אויך אַ זעער, וואָרים גאָט באַווייזט זיך צו אים אין אַ נאַכט־זעאונג (במדבר כ"ב 8, 19, 20). ער קריגט אָבער אויך דעם געטלאַכן גייסט, און ווי אַן עקסטאַטי־שער נביא פאַלט ער צו דר׳ערד און זעט אין עקסטאַז געטלאַכע זעאונגען (במדבר כ"ד 2—5, 15—17). ***)

---

*) „כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום", דברים י"ג 2; „שופט ונביא וקוסם וזקן, ישעיה ג 2; פאַרגלייכט אויך מיכה ג 5—8.

**) פון שלאַנגען־באַשווערער איז דאָס וואָרט „נחש" (פון „נחש", אַ שלאַנג) איבערגעטראָגן געוואָרן אין העברייאיש אויף אַלע טרעפערייען בכלל. אין דער געשיכטע פון יוסף׳ן און זיינע ברידער, למשל, ווערט דאָס זעלביגע וואָרט געברויכט פאַר טרעפן מיט אַ כשוף־בעכער („והוא נחש ינחש בו", בראשית מ"ד 5; פאַרגלייכט אויך „נחשתי ויברכני יהוה בגללך", בראשית ל 27). עס קאָן דערפאַר זיין, אַז דער אויסדרוק „נחשים" ביי בלעם׳ען באַצייכנט כישוף־מאַכעריי בכלל..

***) אויך ביי די אַמאָליגע אַראַבער, אין די צייטן פאַר מאַכמעד׳ן, זיינען געווען אַזעלכע פיגורן ווי בלעם אין חומש, אַ קאָמבינאַציע פון אַ פּאָעט, אַ כישוף־מאַכער און אַ גאָט־זעער. באריכות וועגן דעם אין איגנאַץ גאָלדציהער׳ס ווערק „אבהאַנדלונגען צור אַראַבישען פילאָלאָגי", באַנד I, ז 42.

אפילו אין די מעשיות וועגן משה'ן געפינען מיר נאך עלעמענטן פון יענער פרימיטיווער צייט, ווען דער „איש האלהים" איז נאך געווען א בעל־מופת, און עס איז ניט געווען קיין שארפע ליניע געצויגן צווישן אים און דעם כישוף־מאכער. משה ווערט אין די דאזיגע מעשיות פארגעשטעלט מיט א כישוף־שטעקן אין האנט, מיט וועלכן ער באווייזט אזעלכע מופתים, אז פרעה'ס אלע מכשפים בלייבן אים פון הינטן.

די נבואה האט אבער אלץ מער און מער זיך דערהויבן ביי אידן צו העכערע שטופעס. וואס ווייטער, אלץ גרעסערע איינצלנע נביאים זיינען אויפגעשטאנען, וועלכע זיינען געווען ווייט פון די מאסן־נביאים, ביי וועמען דער רוח־הנבואה איז געווען'א פריוואטע זאך, א מיטל צו לעבן דערפון, צו האבן וואס צו בייסן מיט די ציינער, ווי מיכה המורשתי האט זיך אויסגעדריקט (מיכה ג 5). אין די קעניגלאכע הויפן האבן זיך געפונען א סך אזוינע פראפעסיא־נעלע נביאים, וועמען עס איז, קענטיק, אנגעקומען גרינג אריינ־צופאלן אין עקסטאז און צו זאגן דעם קעניג פאראויס דעם ער־פאלג פון זיינע אונטערנעמונגען. אין אחאב'ס הויף האבן זיך גע־פונען פיר הונדערט אזעלכע נביאים (מלכים א, כ"ב). אמציה, דער כהן פון בית־אל, וועלכער האט געהאלטן עמוס'ן פאר איינעם פון דעם דאזיגן סארט נביאים, האט דערפאר געזאגט צו אים: „זעער, אנטלויף בעסער אין יהודה און עס דארטן ברויט און דארטן זאג דיין נביאות" (עמוס ז 12).

אבער אויך ביי אחאב'ן אין הויף, צווישן די פיר הונדערט מאסן־נביאים, האט זיך געפונען איינער אן אריגינעלער נביא, מיכיהו בן־ימלה, וועלכער האט געהאט זיין אייגענעם וועג און איז דעריבער ניט געווען באליבט. אט די איינצלנע, אריגינעלע גע־שטאלטן צווישן די נביאים זיינען עס געווען, וועלכע האבן אראפ־געווארפן פון זיך די פסולת פון זייער סביבה און האבן אלץ העכער זיך דערהויבן אין זייער השגה פון גאט און פון לעבן, ביז די נבואה האט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אין די ריזיגע נביאים־פיגורן פון דער אשורישער און כאלדעאישער עפאכע.

III.
דער קאמף געגן „בעל“

אין דער צייט פון דער פאראייניגטער מלוכה טרעפן מיר נביאים, אדער זעער, ביי דער זייט פון די מלכים אלס זייערע העלפער און יועצים. מיר טרעפן נתן׳ען ביי דוד׳ן אין הויף *), און מיר טרעפן אחיה השילוני ביי ירבעם׳ס זייט אלס זיין העלפער. די דאזיגע נביאים זיינען בלויז מיטגעגאנגען מיט׳ן אלגעמיינעם שטראם פון אידישן לעבן און זיינע ניט געשטאנען העכער ווי די מענטשן פון זייער צייט. די נביאים זיינען ערשט גרויס געווארן, ווען זיי האבן זיך געשטעלט געגן די הערשנדיגע מיינונגען, ווען זיי זיינען געווארן די ווארט־פירער און טרעגער פון דער גרויסער באוועגונג, וואס האט צעטרייסלט דעם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער געשפאלטענער מלוכה און געמאכט פון אידן גאר אן אנדער סארט פאלק.

די דאזיגע באוועגונג איז געווען א סאציאלע, אבער זי האט אנגענומען ביי אידן דורכאויס א רעליגיעזן כאראקטער; זי האט זיך אויסגעדריקט אין קאמף געגן דעם „בעל“. אלס פירער און אידעאלאגן פון דעם דאזיגן קאמף האבן די נביאים זיך דערהויבן העכער איבער זייער צייט און האבן באקומען זייער וועלט־היסטא־

---

*) נתן׳ס ראלע אלס נביא איז זייער אן אומבאשטימטע און אומזיכערע. די דערציילונגען, אין וועלכע ער טרעט אויף געגן דוד׳ן, שטאמען אויף יעדן פאל פון א גאנץ שפעטערער צייט. ס׳איז גרינג צו דערקענען אז דער המשך פון שמואל ב, י״א 27, איז „ויגף יהוה את הילד“ אין י״ב 15. דאס שטיק אין מיטן איז אריינגעשטעלט געווארן שפעטער דורך די נביאים־קרייזן.

רישע באַדייטונג. מיר מוזן דעריבער זיך אָפּשטעלן אַביסל מער באַריכות אויף דעם קאַמף צווישן „יהוה“ און „בעל“, אויף ביידע מאָמענטן, וואָס זיינען אין אים געווען פאַרוויקלט: דעם סאָציאַלן און דעם רעליגיעזן.

.1

„יהוה“ און „בעל“

ווער זיינען דאָס געווען „יהוה“ און „בעל“?

אין דער אוראַלטער צייט, בשעת אידן האָבן זיך באַזעצט אין זייער לאַנד, האָבן זיי נאָך קיין באַגריף ניט געהאַט פון אַן איין איינציגן אַלוועלטלאַכן גאָט. צו אָט דער הויכער השגה זיינען זיי ערשט געקומען אין פאַרלויף פון דער צייט, און די שריפטלאַכע נביאים זיינען עס געווען די לערער פון דעם דאָזיגן גרויסן גאָט־געדאַנק. איינוואַנדערנדיג אין לאַנד האָבן אידן געבראַכט פון מדבר זייער גאָט יהוה, וועלכער איז געווען אַ פאָלקס־גאָט, אַ גאָט פון׳ם פאָלק ישראל. זיי האָבן דאַמאָלסט געגלויבט, אַז ער וואוינט אויפ׳ן באַרג סיני אָדער חורב און באַווייזט זיך דאָרטן אין דעם געדיכטן וואָלקן אויפ׳ן שפּיץ באַרג (שמות י״ט 9; כ 21; מלכים א, ח 12). די שייכות אָבער פון דעם פאָלק ישראל צו יהוה איז ניט געווען קיין לאָקאַלע. אידן האָבן ניט געדינט זייער גאָט, מחמת זיי האָבן זיך געפונען אין דער געגנט פון דעם הייליגן באַרג, דעם „הר האלהים“, וואו ער האָט געטראָנט, נאָר ווייל ער, יהוה, האָט מיט זיי אַ „בונד“ געשלאָסן, אַז זיי זאָלן זיין זיין פאָלק און ער זאָל זיין זייער גאָט. אויף וואָס דער דאָזיגער בונד איז געווען באַגרינדעט און וואָס משה האָט אַשטייגער געלערנט אידן וועגן דעם גאָט יהוה, דאָס ווייסן מיר ניט, און אַלץ וואָס מ׳קאָן זאָגן וועגן דעם, איז ניט מער ווי סברות און השערות: ווייל אַלע דאָקומענטן פון תנ״ך, וואָס דערציילן וועגן יענער צייט, שטאַמען פון אַ סך שפּעטער. וואָס מיר ווייסן יאָ אָבער איז, אַז די שייכות פון אידן צו זייער

גאָט יהוה איז פֿון לכתחילה אַן געווען אַ אייגנאַרטיגע. יהוה איז געוואָרן דער גאָט פֿון די אידישע שבֿטים אין מדבר, ניט האָבנדיג וואָסערע ניט איז פֿאַרבינדונג מיט אַ לאַנד. אידן האָבן אים אָנערקענט אַלס זייער גאָט צוליב אַ גרויסער פּאַסירונג אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווייל משה האָט זיי אין זיין נאָמען פֿון מצרים אַרויסגעפֿירט און מיט זיי אַ בונד געשלאָסן. צו דעם דאָזיגן גאָט זייערן האָבן אידן געדינט הפּנים אויף דעם אופֿן ווי משה האָט זיי אָנגעוויזן, כל־זמן זיי האָבן געלעבט אַלס נאָמאַדן אין מדבר.

די כנענים אָבער, צווישן וועלכע אידן האָבן זיך באַזעצט אַריינוואַנדערנדיג אין לאַנד כנען, האָבן דאָרטן געדינט שוין פֿון הונדערטער יאָרן צו לאָקאַלע געטער, וועלכע זיי האָבן גערופֿן „בעלים". זיי האָבן ניט געהאַט איין גאָט „בעל", צו וועמען זיי האָבן אַלע געדינט, נאָר יעדע געגנט האָט געהאַט איר „בעל". מיר געפֿינען אין תנ"ך נעמען פֿון אַ סך „בעלים", ווי למשל: „בעל צפֿון", „בעל פּרצים", „בעל חרמון", „בעל שלישה" (שמות י"ד, 1; שמואל ב, ה, 20; שופֿטים ג 3; מלכים ב, ד 42). מאַנכע „בעלים" האָבן באַקומען אַ גרעסערע באַדייטונג און זיינען געוואָרן די געטער פֿון גרעסערע געגנטן, ווי, למשל, דער „בעל־ברית" פֿון ש כ ם און דער „בעל זבוב" פֿון ע ק ר ו ן (שופֿטים ח, 33; ט 4, 46; מלכים ב, א).

בעל האָט געהייסן דער אייגנטימער פֿון אַ זאַך, דער מאַן פֿון אַ פֿרוי, און אויך דער גאָט פֿון אַ שטיק לאַנד. די אַמאָליגע סעמיטן האָבן באַטראַכט זייערע געטער אַלס אומזיכטבאַרע כוחות, וועלכע שאַפֿן פֿרוכטבאַרקייט און לעבן. ווען אַ געגנט איז געווען פֿון דער נאַטור פֿרוכטבאַר, האָט זי געהאַט איר „בעל" *), וועלכער איז געווען דער האַר און אייגנטימער פֿון אָט דער געגנט און וועמען

*) עס איז מערקווירדיג, וואָס דער דאָזיגער הײדנישער אויסדרוק איז געבליבן ביי די אידישע פּויערים אין ארץ־ישראל ביז אין די סאַמע שפּעטסטע ציטן. נאָך אין משנה ווערט אָנגערופֿן אַ פֿעלד וואָס דאַרף ניט קיין קינסטלאַכע באַוואַסערונג „שדה הבעל" (בבא בתרא ג, א).

די איינוואוינער פון דארטן זיינען דאנקבאר געווען פאר דער ברכה און שפע וואס ער האט זיי געגעבן. אבער פונקט ווי דאס פיזישע לעבן איז צעטיילט אין צוויי מינים, אזוי האבן די סעמיטן זיך אויך פארגעשטעלט די געטלאכע קראפט וואס שאפט לעבן אלס צע־טיילט אין מענלאך און ווייבלאך. דער „בעל" האט דעריבער גע־האט ביי דער זייט א „בעלה", וועלכע האט אויך געטראגן דעם נאמען עשתרת *) און אשרה (ביי די באבילאניער „בל" און „איש־טאר").

אלע ציוויליזירטע סעמיטישע פעלקער האבן געדינט דעם „בעל". אז אידן האבן זיך באזעצט אין דעם לאנד כנען און אנגעהויבן לעבן פון די פרוכטן פון לאנד, זיינען זיי אויך איבערגעגאנגען צו דעם ציוויליזירטן לעבן פון די סעמיטישע שכנים־פעלקער, האבן זיך אויסגעמישט מיט די עלטערע ציוויליזירטע איינוואוינער פון לאנד, די כנענים, און האבן דעריבער זיך ביסלאכווייז אוועקגעקערט פון זייער גאט יהוה פון דער נאמאדישער צייט און האבן אנגעהויבן דינען די „בעלים". אין א סאציאלער שפראך הייסט דאס, אז אריינקומענדיג אין דעם לאנד כנען, האבן אידן ביסלאכווייז אויפ־געגעבן זייער נאמאדישן שטייגער פון לעבן און האבן איבערגענו־מען דעם ציוויליזירטן לעבנס־שטייגער פון זייערע שכנים.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי אופנים פון לעבן איז א גע־וואלדיג גרויסער, און ער דריקט זיך אויס אין דעם קולט, אין דער מאראל, אין די סאציאל־עקאנאמישע פארהעלטענישן און אין דעם מענטשנ'ס גאנצן קוק אויפ'ן לעבן. דער נאמאד אין אראבישן מדבר ווייסט ניט פון קיין בילדער פון גאט, פון קיין פאנאנדער־שיידונג פון דער געטהייט אין צוויי מינים און פון דער הייליגער פראסטיטוציע לכבוד דער געטין פון פרוכטבארקייט; ער ווייסט ניט פון ווייז, שכרות און אויסגעלאסנקייט, און עס איז אים אויך

---

*) פון דעם נאמען פון דער סעמיטישער געטין פון פרוכטבארקייט איז „עשתרת" געווארן א באצייכענונג פאר פרוכטבארקייט און פארמע־רונג בכלל („ועשתרת צאנך", דברים ז 13).

פרעמד אַזאַ זאַך ווי פּריוואַט־אייגנטום אויף לאַנד, וואָרים די פּאַשע געהערט צום גאַנצן שבט. עס זיינען דעריבער ניטאָ ביי נאָמאַדן גאָר רייכע אָדער גאָר אָרימע, און כל־זמן זיי ווייסן ניט פון קיין באַזעסענעם לעבן, ווייסן זיי אויך ניט פון קיין קלאַסן־היפּוכים. *)

דער גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג טרייבט אָבער דעם נאָמאַד אַריבערצוגיין צו אַ באַזעסענעם לעבן. אידן האָבן דעריבער אַלץ מער און מער זיך כנענ׳יזירט און אַלץ מער זיך צו־געוואוינט צום בעל־דינסט. יהוה איז טאַקע ווייטער אויך גע־בליבן זייער גאָט, אָבער דינענדיג גלייכצייטיג „יהוה“ און דעם „בעל“, איז אַזוי מיט דער צייט געוואָרן אַ מין אויסגלייך צווישן זיי. יהוה איז געבליבן ווי פריער דער גאָט פון ישראל, אָבער ער איז „בעל׳יזירט“ געוואָרן. ער האָט צום טייל פאַרלאָרן זיין מדבר־נאַטור און איז געוואָרן דער „בעל“, דער אייגנטימער און באַפרוכ־טער פון דעם לאַנד, וואָס זיין פאָלק האָט איינגענומען.

דער דאָזיגער בעל׳יזירונגס־פּראָצעס, דאָס איבערנעמען די ציוויליזאַציע און דעם אָרט לעבן פון די עלטערע איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים, איז אַ לאַנגע צייט געווען אין פולן גאַנג. שלמה האָט אַזוי אויסגעבויט, מיט פעניקישע בוימייסטער פון צור, אַ בית־המקדש פאַר יהוה אין ירושלים לויט דעם מוסטער פון די גע־טער־טעמפּלען פון די ציוויליזירטע פעלקער אַרום. ירבעם בן־נבט איז געגאַנגען אין דעם פּרט נאָך ווייטער און האָט געמאַכט פאַר מלוכה־טעמפּלען די היילינגטימער פון בית־אל און דן, וואו מ׳האָט געדינט צו גאָלדענע אָקסן, וועלכע האָבן סימבאָליש פאַר־געשטעלט יהוה אַלס דעם „בעל“ פונ׳ם לאַנד.

„יהוה“ און „בעל“ זיינען איינס געוואָרן. אידישע קינדער

---

*) זעט וועגן דעם אין: James McCurdy, History, Prophecy and the Monuments, 1914, Nos. 560, 561; Gustav Hoelscher, Die Profeten, 1914, S. 141.

האָבן געטראָגן נעמען פאַרבונדן מיט „בעל“. *) מ׳האָט אָנגעהויבן פייערן די סעזאָנען פון יאָר, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער אַגריקולטור, אַלס הייליגע טעג פאַר יהוה (חג המצות, חג הקציר און חג האָסיף). מ׳האָט אָנגעהויבן דינען די הייליגע שטיינער און ביימער פון די כנענים, די „מצבות“ און די „אשרות“, וועלכע זיינען געווען געהייליגט צו דעם „בעל“ און דער „עשתרת“, און וועלכע די אידישע לעגענדע האָט געזוכט צו פאַרבינדן מיט די אָבות, כדי זיי דערמיט צו פאַראידישן.

אָבער גלייכצייטיג זיינען אויך אַריינגעדרונגען אין אידישן לעבן אַלע איבלען און פאַרדאָרבנקייטן פון די ציוויליזירטע פעל־קער און פון דעם ציוויליזירטן געצנדינסט. מ׳האָט אפילו אָנגע־הויבן זיך פאָרשטעלן גאָט אין צוויי געשלעכטער, אין אַ „בעל“ און אַן „עשתרת“, און אידישע מענער און פרויען האָבן זיך פראָס־טיטואירט לכבוד דער „עשתרת“, דער געטין פון ליבע און פרוכט־

**) ירבעל, שופטים ו; בעל־חנן (ווי חנבעל־האַניבאַל ביי די פע־ניקער), דברי־הימים א, כ״ז 28; בעלידע, דברי־הימים א, י״ד 7; אשבעל און מריבעל, דברי־הימים א, ט 39, 40; די דאָזיגע צוויי נעמען האָבן די שפּעטערע סופרים איבערגעלייגט אויף איש־בשת און מפיבשת. זיי האָבן, הייסט עס, אָנשטאָט „בעל“ געשריבן „בשת“, שאַנד. אין ווייניגער געלייענטע ביכער אָבער, ווי אַשטייגער אין דברי־הימים, זיינען אַזעלכע נעמען געבליבן אין זייער לכתחילה׳דיגער פאָרם. אויך דער נאָמען ירבעל איז אין איין שטעל פון תנ״ך איבערגעלייגט געוואָרן אויף ירבשת, שמואל ב, י״א 21. וועגן דעם נאָמען ירבעל האָבן שפּעטערע רעדאַקטאָרן פון ספר שופטים צוגעטראַכט אַ דערקלערונג, אַז דאָס האָט גאָר באַדייט, אַז ער, דער טרעגער פון דעם נאָמען, האָט געפירט אַ קריג געגן דעם בעל. די מערסטע ביבל־פאָרשער האַלטן אָבער, אַז דער נאָמען פון יענעם העלד פון דער שופטים־צייט איז לכתחילה געווען ירבעל, נאָר שפּעטער האָט מען אים צוגעלייגט אַן ערננאָמען גדעון, דער „צעהאַקער“, דער וואָס צעשלאָגט די פיינד (פון „גדע“).

באַרקייט. דאָס זיינען געווען די „קדשים“ און „קדשות“, וואָס ווערן אַ סך מאָל דערמאָנט אין תנ״ך. *)

אָבער אידן זיינען, אַריינקומענדיג אין לאַנד כנען, ניט געווען גלאַט אַזוי נאָמאַדן, ווי אַלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער, אויף דער דאָזיגער שטופע פון אַנטוויקלונג. זיי האָבן געבראַכט פון מדבר אַ טראַדיציע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט משה'ן. עס איז טאַקע אמת, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז מיר ווייסן ניט גענוי אין וואָס אַט די טראַדיציע איז באַשטאַנען, אָבער עס איז זיכער, אַז זי האָט געלעבט און געווירקט אין אידישן פאָלק און האָט עס ניט געלאָזט פאַרגעסן די צייט פון מדבר. דערצו איז ארץ־ישראל אַזאַ לאַנד, וואו מדבר־לעבן און ציוויליזאַציע זיינען זייער נאָנטע שכנים. אין מאַנכע געגנטן פון לאַנד, באַזונדערס אין עבר־הירדן און אין „נגב“, האָבן זיך אידן כמעט גאָרניט ציוויליזירט, נאָר האָבן געלעבט אַלס נאָמאַדן ביז אין די סאַמע שפּעטסטע צייטן פון דער אידישער מלוכה.

עס האָט דעריבער שטענדיג געהערשט אין אידישן לעבן אַ „ויתרוצצו“ צווישן מדבר און לאַנד, צווישן נאָמאַדיזם און ציוויליזאַציע, צווישן דעם נייעם קולטור־מענטשן און דעם אַמאָליגן בעדואין. וואָס ערגער ס'איז געוואָרן די לאַגע אין דער געגנוואַרט, אַלץ מער האָט מען אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט, דעם נאָמאַדישן לעבנס־שטייגער פון די אַלטע צייטן, ווען מ'האָט נאָך אַרומגעוואַנדערט אין מדבר, און מ'איז געווען אומצופרידן מיט דעם „בעל“, עס הייסט: מיט דער כנעני'שער ציוויליזאַציע, וואָס אידן האָבן איבערגענומען צוזאַמען מיט'ן לאַנד. אָבער ערשט נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה האָט זיך אָנגעהויבן אין ברייטע קרייזן פון פאָלק אַ באַוועגונג געגן דעם בעל. די דאָזיגע באַוועגונג האָט דע־

---

*) פאַרגלייכט בראשית ל״ח 21 ; מלכים א, ט״ו 12 ; מלכים א, כ״ב 47 ; מלכים ב, כג״ 7. פאַרגלייכט אויך אין כתובים אחרונים, אגרת ירמיה פסוק מ״ב—מ״ד.

מאַלט געפירט צו מהומות און איבערקערענישן, וועלכע האָבן צע־
טרייסלט דאָס גאַנצע אידישן לעבן.

2.

די אורזאַכן פון דער באַוועגונג געגן „בעל"

די אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דער באַוועגונג געגן דעם
בעל, זיינען געווען פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. עס איז געווען
שלעכט די אויסערלאַכע פּאָליטישע לאַגע, אונעם איז געווען שלעכט
די עקאָנאָמישע לאַגע אינעווייניג.

די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ־ישראל איז געווען זייער ניט קיין
פּריילאַכע זינט אידן האָבן זיך צעשפּאָלטן אין צוויי באַזונדערע
מלוכות. פינף יאָר נאָך שלמה'ס טויט האָט אַ מיליטערישע עקס־
פּעדיציע פון שישק מלך מצרים אויסגערויבט ירושלים (מלכים א,
י"ד 25, 26). בעת יהודה האָט אין די פופציג יאָר נאָך שלמה'ס
טויט אויסגעשעפּט אירע כוחות אין איר ברודער־קריג מיט ישראל,
האָט די צפון־מלוכה אָנהויב אָנגעהאַלטן כלומר'שט איר מאַכט.
אָבער אפילו עמרי'ס נצחונות זיינען ניט געווען קיין דויערנדיגע
און קיין גלענצנדיגע. צו ארם האָט ער געמוזט אָפּטרעטן אַ סך
שטעט אין עבר־הירדן, און ער האָט געמוזט געבן די אַראַמעאישע
סוחרים דאָס רעכט אויף אייגענע באַזאַרן אין שומרון (מלכים א,
ב 34). אחאב איז, ניט געקוקט אויף זיינע פריערדיגע נצחונות,
געפאַלן ביי רמת־גלעד אין אַ מלחמה געגן ארם (מלכים א,
כב). אחאב'ס זון יהורם האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט אין זיין
מלחמה געגן מואב (מלכים ב, ג), און אַז אונטער יהורם בן־יהושפט
האָט אויך אדום זיך אָפּגעריסן פון יהודה (מלכים ב, ח 22), איז
אידן ווייניג וואָס געבליבן פון דער מאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט
אונטער דוד'ן און שלמה'ן.

צו דעם פּאָליטישן פאַקטאָר איז צוגעקומען דער סאָציאַלער,
וואָרים די פּאָליטישע שוואַכקייט איז געווען באַגלייט פון סאָציאַ־

לער נויט. דער דאזיגער סאציאלער קריזיס, וואס אידן האבן דעמאלט דורכגעמאכט, איז ניט געווען קיין ספעציעל אידישער. דערזעלביגער קריזיס קומט פאר ביי אלע פעלקער א פאר הונדערט יאר נאך דעם אריבערגיין צו א באזעסענעם לעבן, און ער האלט אן פיל מאל יארהונדערטן, אפט אין שטארקע, רעוואלוציאנערע קאנוואולסיעס. אידן האבן אט דעם קריזיס דורכגעמאכט אין 9טן און 8טן יארהונדערט (פאר דער קריסטלאכער ערא), די גריכן האבן אים דורכגעמאכט אביסל שפעטער (אין 7טן און 6טן יארהונדערט) און די רוימער הונדערט יאר נאך שפעטער. אויך די מאדערנע פעלקער פון אייראפע האבן איבערגעלעבט אזא צייט אין דעם פעריאד צווישן די קרייץ־צוגן און דער רעפארמאציע. ביי אידן אבער, ווי שוין געזאגט, האט דער קריזיס, אנדערש ווי ביי די גריכן און די רוימער, אנגענומען א ריין רעליגיעזן כאראקטער, און האט אויך געפירט צו אנדערע רעזולטאטן: צו דער שאפונג פון א העכערער רעליגיע, די אוניווערסאלע רעליגיע פון די גרויסע נביאים. *) וואלט דער קריזיס אויך ביי אידן געהאט ניט מער ווי א סאציאלן כאראקטער און די נביאים וואלטן געווען ניט מער ווי סאציאלע קעמפער און רעפארמער, וואלט זייער באדייטונג געווען באגרעניצט אויף זייער פאלק און זייער צייט, און זיי וואלטן א קנאפע ווירקונג געהאט אויף די שפעטערע צייטן.

דער דאזיגער קריזיס, זאגט עדוארד מייער, איז ביי די גריכן, און נאך פריער ביי אידן, געווען א רעזולטאט דערפון, וואס די געלט־ווירטשאפט איז אריינגעדרונגען און האט צעטרייסלט די אלטע פאטריארכאלישע פארהעלטנישן. דער פויער האט מער ניט געקאנט דירעקט אויסבייטן דאס וואס ער האט פראדוצירט אויף דער סחורה, וואס ער האט באדארפט, נאר ער האט געמוזט פארקויפן זיינע פראדוקטן פאר געלט און פאר דעם געלט קויפן די נוי־

---

*) עדוארד מייער, קליינע שריפטען צור געשיכטסטהעאָריע אונד צור ווירטשאפטליכען אונד פאליטישען געשיכטע דעס אלטערטומס, 1910, ז. 109—111, 189, 220—221.

טיגע זאכן. איז אזוי ארום אויפגעקומען פאר אלצדינג א מארק־פרייז, וועלכער איז אפגעהאנגען פון דעם פארקער אין דעם גרויס־האנדל. אן געלט האט דער פויער זיך ניט געקאנט איינשאפן דאס וואס ער האט באדארפט אין קליידער און לעבנסמיטלען, און נאך וויניגער האט ער געקאנט אויסקומען אן געלט אין יארן פון א שלעכטער גערעטעניש.

אט אזוי איז געווען ביי די גריכן, און ביי אידן איז די לאגע נאך געווען אן ערגערע, ווייל דער בארגיגער באדן פון ארץ־ישראל איז געווען וויניגער פרוכטבאר ווי דער גריכישער. אומגערעטע־נישן, טריקענישן און מחנות היישעריקן האבן געבראכט איין הונ־גער נאך דעם אנדערן. דערצו נאך האט אין ארץ־ישראל ניט געקאנט אויפקומען, ווי אין גריכנלאנד, קיין ים־האנדל און אויך ניט קיין גרויסע עמיגראציע, ווייל דער ים־ברעג איז געלעגן אין די הענט פון די פלשתים און די פעניקער. *)

דער אידישער פויער האט דעריבער אין א שלעכטן יאר געליטן גרויס נויט און ארימקייט. האט ער קיין געלט ניט געהאט, האט ער עס געמוזט לייען אויף צינזן, און אז ער איז ניט געווען בכוח צו באצאלן, האט מען פון אים צוגענומען זיין גאנצע האב־און־גוטס, און עס האט אויך ניט זעלטן פאסירט, אז דער מלוה האט אים מיט זיין גאנצער פאמיליע צוגענומען פאר קנעכט. אט אזא צושטאנד טרעפן מיר אין ספר מלכים, אין דער מעשה׳לע, ווי אזוי אן אלמנה, די פרוי פון איינעם פון די בני־הנביאים, קומט מיט א געשריי צו אלישע׳ן, אז דער מלוה האלטביים צונעמען אירע צוויי קינדער פאר קנעכט (מלכים ב, ד 1). אבער ניט נאר דער פויער, אויך דער שטאטישער איינוואוינער האט זיך געמוזט אפט פאר׳משכונ׳ען און פארזינקען אין חובות איבער׳ן קאפ; ווארים מ׳האט אין צייטן

---

*) עדוארד מייער אין זיין אפהאנדלונג „די קולטורעלע ליטערארי־שע אונד רעליגיעזע ענטוויקלונג דעס איזראעליטישען פאלקעס אין דער עלטערען קעניגסצייט“, בערלין 1930.

פון הונגער מורא'דיג געהויבן די פרייזן (מלכים ב, ו 25; ז 1; עמוס ח 5, 6).

דער רייכער פּריץ אָבער, וועלכער האָט געדריקט און געשטיקט און געמאַכט פאַר אַ קנעכט דעם אָרימען פויער, דעם אָרימען בעל־חוב זיינעם, האָט עס אויך ניט געטאָן בלויז פון שלעכטסקייט, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן וואָס מער לאַנד און לעבן וואָס מער אין רייכקייט און תענוגים. אויך ער האָט עס געטאָן אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדן; אויך ער האָט געמוזט האָבן וואָס מער געלט, כדי זיך צו קענען האַלטן אין די נייע, געענדערטע פאַר־העלטנישן.

אַזוי אַרום האָבן ביידע פאַקטאָרן צוזאַמען, די פּאָליטישע אָפּ־געשוואַכטקייט און די עקאָנאָמישע געדריקטקייט, אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין ברייטע קרייזן פון דעם אידישן פאָלק.

3.

די „רכבים“, די „נזירים“ און די „בני־הנביאים“

די אומצופרידנקייט מיט דער געגנוואַרט האָט אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט. מאַנכע אידן האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלע צרות שטאַמען דערפון וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך צעשפּאָלטן אין צוויי מלוכות. אַמאָל, האָבן זיי געגלויבט, ווען אַלע אידן זיינען נאָך געווען פאַראייניגט אין איין מלוכה אונטער שלמה'ן, האָט מען ניט געוואוסט פון די אַלע נויטן, פון וועלכע מ'ליידט איצטער. דעמאָלט האָט מען ניט געוואוסט פון קיין אָרימע און רייכע, נאָר יעדער איד איז געזעסן אונטער זיין ווײַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים און האָט גענאָסן פון דער פרוכט פון לאַנד, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

די מערסטע אומצופרידענע אָבער האָבן געזען די הויפּט־סיבה פון די שלעכטע, געדריקטע צושטענדן אין דער ציוויליזאַציע פון די כנענים, וואָס אידן האָבן איבערגענומען אַריינוואַנדערנדיג אין

לאנד. זיי האבן דערפאר אויפגעהויבן א קאמף געגן דעם „בעל“, עם הייסט: געגן דער כנעני׳שער השפעה אין אידישן לעבן, און האבן געפאדערט, אז מ׳זאל זיך צוריקקערן צו „יהוה“ און אים דינען אזוי ווי אמאל אין דער מדבר־צייט; אז מ׳זאל ניט אננעמען די פארדארבענע ציוויליזאציע פון די שכנים־פעלקער ארום, נאר מ׳זאל פירן אן איינפאך נאמאדישן לעבן, אן אן אונטערשייד פון ארים און רייך, אן פאלאצן פאר מענטשן און אן טעמפלען פאר גאט, אן רייכע מאלצייטן און אן געשניצטע און געגאסענע געצן.

אלס פארטרעטער און פארקעמפער פון דער נאמאדישער אידעאלאגיע טרעפן מיר די „רכבים“, די „נזירים“ און די „נביאים“. די רכבים זיינען געווען א פאמיליע, אדער א סעקטע, וועלכע האבן געפירט א נאמאדיש לעבן ניט אוים געוואוינהייט, נאר אוים פרינציפ, ווייל יהונדב בן־רכב, זייער פאטער און לערער, האט זיי אנגעזאגט, אז זיי און זייערע קינדער זאלן קיינמאל ניט טרינקען קיין וויין, ניט בויען קיין הויז און ניט זייען קיין פעלד, נאר זיי זאלן וואוינען אלעמאל אין געצעלטן (ירמיה ל״ה). און אז זיי זיינען געצוואונגען געווען צוליב דעם חיל פון די כשדים צו פארלאזן דאס אפענע לאנד און זיך צו באזעצן אין ירושלים, האבן זיי אויך אין דער שטאט ניט אויפגעגעבן זייערע נאמאדישע פרינציפן (ירמיה ל״ה 11). יהונדב בן־רכב, אויף וועמען די רכבים באציען זיך אין זייער ענטפער צו ירמיה׳ן, איז געווען א גוטער פריינט פון יהוא בן־נמשי און האט אים געהאלפן אין זיין בלוטיגן אויפשטאנד געגן אחאב׳ם הויז (מלכים ב, י 25—17). אויך די „נזירים“, וועמען עמוס שטעלט אין איין ריי מיט די „נביאים“, האבן זיך געהיט פון טרינקען וויין, דעם צייכן פון א ציוויליזירטן לעבן (עמוס ב 11, 12).

אין די רכבים און אין די „נזירים“ זעען מיר בכן אן אויסדרוק פון דער שטרעבונג צום נאמאדישן אידעאל אין אידישן לעבן. אבער איר גלענצנדיגסטן אויסדרוק און איר פולסטע אנטוויקלונג האט די דאזיגע שטרעבונג באקומען דורך די נביאים.

.4

דער פרעמדער „בעל“

אין דער קלייִנער, האַלב־נאָמאַדישער מלכות־יהודה איז שוין אין דער צייַט פון אסא און יהושפט דורכגעפירט געוואָרן אַ רעליגיעזע רעפאָרם, און עס זייַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן געוויסע פאַרמען פון דעם בעל־קולט. אסא, ווערט דערציילט (אין מלכים א. ט"ו 12, 13), האָט אָפּגעשאַפט די אויבן־דערמאָנטע „קדשים“ און דעם גאַנצן קולט פון דער „עשתרת“. דעם לעצטן רעשט פון דער רעליגיעזער פּראָסטיטוציע האָט אסא'ס זון יהושפט אויסגעראָמט דערנאָך פון דעם לאַנד (מלכים א, כ"ב 47). וואָס פאַר אַ סאָרט רעליגיעזע רעפאָרם דאָס איז געווען, צי דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן שטילערהייט דורך דעם מלך און די כהנים, *) אָדער דאָס איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון אַ באַוועגונג אין ברייטערע קרייזן פון דעם פאָלק — ווערט אין ערגעץ ניט געזאָגט. דערפאַר אָבער ווייסן מיר אַ סך מער פון דער באַוועגונג געגן דעם בעל, וואָס האָט אָביסל שפּעטער צעטרייסלט מלכות־ישראל און דאָרטן געפירט צו אַ בלוטיגער איבערקערעניש, וועלכע האָט געפונען אַ שטאַרקן נאָכקלאַנג אויך אין מלכות־יהודה.

דער שטורעם איז אויסגעבראָכן אין ישראל אין אַחאָב'ס צייַט. אַחאָב האָט פאַרגעזעצט די פּאָליטיק פון זייַן פאָטער עמרי, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט די פעניקער געגן ארם. ער האָט דערפאַר געהייראַט איזבל'ן, די טאָכטער פון דעם קעניג פון צור, **) און די פעניקישע קעניגין האָט אויפגעשטעלט אין שומרון אַ טעמפּל פאַר דעם צור'ישן „בעל“ און האָט דאָרטן אייַנגעפירט אַלע צערעמאָניעס פון די פעניקער.

---

*) אַזוי איז די מייַנונג פון גוסטאַוו העלשער אין זייַן בוך „די פּראָפעטן“, 1914.

**) אין מלכים א, ט"ז 31, שטייט „איזבל בת־אתבעל מלך צידונים“. אָבער „צידונים“ איז דאָ אַ נאָמען פאַר די פעניקער בכלל.

די אַריינפירונג פון אַ ווילד־פרעמדן גאָט אין אידישן לאַנד, אין דער הויפּטשטאָט פון דעם אידישן מלך, וועלכער איז געווען „דער געזאַלבטער פון יהוה“, און נאָך דורך אַזאַ אָפיציעלער פער־זאָן ווי די קעניגין, האָט אַרויסגערופן אַ שטורמדיגן פּראָטעסט ביי די אומצופרידענע קרייזן פון פאָלק, באַזונדערס ביי די פאַסטוכער און פויערים אויפ'ן אָפענעם לאַנד. מ'האָט זיך שוין געהאַט ווי עס איז צוגעוואוינט צום היימישן „בעל“, וועמעס דינסט איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן אויף יהוה. אין וואָס פאַר אַ הייליגן אָרט אין לאַנד מ'זאָל ניט האָבן געדינט גאָט, און וואָסערע פאָרמען דער קולט זאָל ניט האָבן אָנגענומען, איז מען אַלץ געווען באַוואוסט־זיניג, אַז דאָס דינט מען צו יהוה. אפילו די גאָלדענע אָקסן האָבן ניט מער ווי סימבאָליש פאָרגעשטעלט יהוה אַלס דעם „בעל“, דעם אייגנטימער און באַפרוכטער פונ'ם לאַנד, אָדער ווי די ביבלישע לעגענדע דריקט זיך אויס: זיי האָבן געזאָגט אויפ'ן גאָלדענעם קאַלב: „דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים“ (שמות ל“ב 4). אָבער אַ פרעמדן גאָט, דעם גאָט מעלקאַרט פון צור, האָט מען ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

די אָנהענגערשאַפט פון דעם פרעמדן „בעל“ איז קענטיג ניט געווען קיין גרויסע, ווען אַלע בעל־דינער פון שומרון ביז אויף איי־נעם האָבן געקאָנט אַריינגיין אין איין הויז (מלכים ב, י 21). אַחאָב האָט אויך ניט פאַרלאָזן דעם אידישן גאָט, וואָרים זיינע קינדער האָבן געטראָגן נעמען פאַרבונדן מיט יהוה (יהורם, אחזיהו, עתליה). אַז אַחאָב האָט אויסגע'הרג'עט אַלע נביאים פון יהוה און די גע־בליבענע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אין היילן, איז ניט מער ווי אַ לעגענדאַרישע גוזמא, וואָרים פאַר זיין לעצטער מלחמה מיט ארם איבער ר מ ת ־ ג ל ע ד טרעפן מיר אין זיין הויף פיר הונדערט נביאים פון יהוה (מלכים א, כ“ב 5, 6).

דער שטורעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן געגן אַחאָב'ן, איז געווען ניט בלויז געגן דעם פרעמדן גאָט, נאָר אויך געגן דעם קע־ניג'ס גאַנצן רעזשים, געגן דער גאַנצער אָרדענונג פון דער מלוכה.

אַהאַב האָט, פּונקט ווי שלמה, געוואָלט, אַז אידן זאָלן ווערן וואָס מער ציוויליזירט, אַז זיי זאָלן אין דעם פּרט זיך לערנען פון די פעניקער, און ער גופא האָט געוואָלט זיך אויפפירן ווי די דעספּאָ־טישע מלכים אַרום און זיך ניט רעכענען מיט די רעכטן פון דעם פאָלק. דאָס האָט ער געוויזן מיט דעם משפט איבער נבות היזרעאלי. די אומצופרידענע מיט דער עקזיסטירנדיגער אָרדענונג האָבן דער־פאַר זיך פאַראייניגט אין אַ סאָרט רעפאָרם־פּאַרטיי אונטער דער פאָן פון דעם מדבר־גאָט און פון דער אַלטער מדבר־מאָראַל. די סאָציאַלע אומרואיקייט האָט זיך אַלזאָ אויסגעדריקט אויף דעם רעליגיעזן געביט, וואָרים אַז ס'איז ניט געגאַנגען גוט און מ'האָט געליטן אַ סך נויט, איז עס געווען אַ באַשיינפּערלאַכע ראיה, אַז יהוה העלפט מער ניט אידן אַזוי ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטן, און ער העלפט זיי מער ניט, ווייל זיי דינען ניט ריכטיג צו אים.

אַלס די וויכטיגסטע פירער אין קאַמף געגן דעם פרעמדן „בעל“ טרעטן דעמאָלט אויף אין ישראל די נביאים. אין יענער צייט האָבן זיי שוין געלעבט צוזאַמען, אָרגאַניזירט אין אַן אָרדן, אין פאַרשיידענע געגנדן פון לאַנד, און האָבן געטראָגן דעם נאָמען „בני־הנביאים“ (מלכים ב, ב 15; ד 38—44). *) איז זיי אין אַ געוויסן אָרט ענג געוואָרן, האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט (מלכים ב, ו 1). זיך אַנשליסן אַן די „בני־הנביאים“ האָט מען געקאָנט נאָך גאָר יונגערהייט (מלכים ב, ה 22; ט 4). זיי זיינען געווען אויסערלאַך אויסגעצייכנט מיט זייער באַזונדערער קליידונג, מיט דעם פעלציגן מאַנטל און דעם לעדערנעם גורט (מלכים ב, א 8; זכריה י"ג 4). זיי האָבן אויך געהאַט אַ באַזונדערן צייכן אויפ'ן פנים (מלכים א, כ 41). געלעבט האָבן זיי צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער (מלכים ב, ד 1) אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון אַ לערער, וועמען זיי האָבן גערופן „אַב“ און „אָדון“.

*) עס קאָן אָבער אויך גריילעך זיין, אַז זיי זיינען שוין אין שמואל'ס צייט געווען אָרגאַניזירט אין אַן אָרדן.

.5

אליהו און אלישע

אליהו געהערט צו יענע גיגאנטישע געשטאלטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, פאר וועלכע דער היסטאריקער שטייט ווי געפלעפט; ער ווייסט ניט צו דערקלערן זייער פערזענלאכקייט און זייער געוואלדיגע השפעה אויף די מענטשן פון זייער צייט. נאר די לעגענדע פון דעם פאלק איז געווען בכוח צו פאראייביגן אויף איר אייגענעם אופן אזא פיגור ווי אליהו.

אבער עס איז ניט לייכט ארויסצושיילן דעם היסטארישן תוך פון דער מאסע לעגענדעס, מיט וועלכע דאס פאלק האט ארומגעוויקלט אליהו׳ס לעבן. מיר ווייסן ניט גענוי זיין שייכות צו די „בני־הנביאים“. מחמת אליהו׳ס ראלע האט זיך אין דער לעגענדע פארמישט מיט דער ראלע פון זיין נאכפאלגער אלישע *). עס איז אבער זיכער, אז נאר אונטער דער השפעה פון אליהו׳ס מעכטיגער פערזענלאכקייט האט דער קאמף געגן „בעל“ ארומגענומען אזוינע ברייטע שיכטן פון פאלק און די יהוה־פארטיי האט אפגעהאלטן איר נצחון געגן דעם פרעמדן גאט.

מיט אליהו׳ן הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער אידישער נבואה. ער איז דער ערשטער נביא, וועלכער שטעלט זיך בראש פון די רעפארמיסטן, פון די וועלכע זיינען געווען אומצופרידן מיט דער עקזיסטירנדיגער ארדענונג אין דער מלוכה. מיט אים ווערט

---

*) ניט בלויז ווערן צוגעשריבן צו אליהו׳ן זאכן, וועלכע אלישע האט גאר געטאן, ווי, למשל, דאס זאלבן חזאל׳ן פאר א מלך פון ארם און יהוא׳ן פאר א מלך פון ישראל (מלכים א, י״ט 15, 16), נאר די לעגענדע מישט אויך אויס זיין ראלע מיט דער ראלע מיט יהוא׳ן און דערציילט אויף אים, אז ער האט שוין אויפ׳ן בארג כרמל געטאן דאס, וואס ערשט יהוא האט עס געטאן אין שומרון: דאס אויס׳הרג׳ענען די „דינער פון דעם בעל“ (פארגלייכט מלכים א, י״ח און מלכים ב, י 18—25).

דער נביא אַ זעלבשטענדיגער כוח אין אידישן לעבן, אַן אומאָפּ־הענגיגער פירער פון פאָלק, אומאָפּהענגיג פון מלך און פון כהן, אַ פירער, וועלכער קעמפט כמעט שטענדיג געגן דאָס אָפיציעלע און דאָס אַנגענומענע. אליהו איז דערפאַר דער ערשטער גרויסער נביא ביי אידן. מיט זיין קאַמף געגן דעם פרעמדן גאָט און געגן דעם אייגענעם מלך טרעט די נבואה אַרויף אויף אַ נייעם וועג, אויף וועלכן זי האָט באַקומען איר וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג.

אליהו'ן האָט די לעגענדע ניט געלאָזט שטאַרבן. מיט פייער און שטורעם, אין אַ ווילדן רעליגיעזן עקסטאַז, דערציילט זי, האָט ער פאַרבראַכט זיין לעבן, און מיט פייער און שטורעם לאָזט זי אים אַרויפפליען אין הימל לעבעדיגערהייט. אָבער איידער ער האָט פאַרלאָזן די אַרענע פון לעבן, האָט ער, לויט דער לעגענדע, פאַר־שפּראָכן זיין נאָכפאָלגער אלישע'ן צוויי חלקים פון דעם געטלאַכן גייסט, וואָס ער האָט געהאַט.

אליהו האָט קיין ממשות'דיגע רעזולטאַטן ניט געזען אין זיין לעבן פון זיין קאַמף געגן דעם „בעל". ער האָט נאָר אַ וועג דורכ־געבראָכן פאַר זיין נאָכפאָלגער. ערשט אונטער אלישע'ן האָט עקספּלאָדירט דער ברען־מאַטעריאַל וואָס אליהו האָט צוגעגרייט; אין אַ מורא'דיגן בלוט־באָד אין יזרעאל און אין שומרון האָט דער אויבער־קאָמאַנדיר פון חיל, יהוא בן־נמשי, אונטערגעשטיצט פון אַלע אומצופרידענע אין פאָלק, באַזונדערס פון דעם פירער פון די „רכבים" יהונדב, געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון עמרי'ס דינאַסטיע.

דער פרעמדער „בעל" איז אויסגעראָט געוואָרן ביז אויף דער לעצטער שפור, צוערשט אין ישראל אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די נביאים און דערנאָך אין יהודה אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם כהן יהוידע. דער נצחון פון דער יהוה־פּאַרטיי איז געווען פולשטענדיג. פון קיין פרעמדן גאָט הערן מיר פאַרלויפיג ניט מער אין ישראל. ווי ווייט אָבער די דאָזיגע בלוטיגע איבערקערעניש

האט אויסגעבעסערט די שלעכטע צושטענדן, ווייסן מיר ניט *).
אבער אויף יעדן פאל טרעפן מיר הונדערט יאר שפעטער דעמזעל־
ביגן סאציאלן קריזיס אין ישראל און אויך אין יהודה אין נאך א
שטארקערער פארם.

.6

די צייט פון אליהו און אלישע

די נבואה אין דער צייט פון אליהו און אלישע איז נאך, פון
איין זייט, גאנץ ווייט פון דעם נייעם סארט נבואה, וועלכן מיר זעען
פון עמוס'ן אן. אלישע קען אנדערש ניט זאגן קיין נביאות סיידן
ער פאלט אריין אין עקסטאז דורך אן אויסערלאכן מיטל, דורך מו־
זיק (מלכים ב, ג 15). די נביאים טוען נאך אלערליי מופתים, און
זיי האבן נאך אין זיך גאר די פסולת פון זייער סביבה.

אבער, ווי מיר האבן שוין אויבן באמערקט, איז עס ניט ריכטיג
צו באצייכענען דאס גאנצע אידישע לעבן ביז עמוס'ן אלס איין
תקופה, אזוי ווי אין די עטלאכע הונדערט יאר פאר עמוס'ן וואלט
דער אידישער געדאנק, דער אידישער וועלט־קוק געווען לגמרי אומ־
באוועגלאך. מיר זעען עס קלאר, ווען מיר צעגלידערן די נביאים־
לעגענדעס. מיר זעען דעמאלט, אז די „בני־הנביאים“, ביי
וועמען אט די לעגענדעס זיינען אויפגעקומען, האבן זיך לחלוטין
ניט באשרענקט אויפ'ן קאמף געגן דעם פעניקישן בעל נאר, ווייל
ער איז א פרעמדער גאט. עס קאן זיין, אז מאנכע אידן האבן גע־

*) לויט דער טעאריע פון אברהם מענעס האט יהוא דורכגעפירט סא־
ציאלע רעפארמען און האט אויף א פאלקספארזאמלונג אין שכם, וועלכער
שפיגלט זיך אפ אין א לעגענדארישער פארם אין יהושע כ״ד, פראקלאמירט
דעם „ספר הברית“ מיט די הומאניטארישע געזעצן זיינע וועגן באפרייען
קנעכט דעם זיבעטן יאר, וועגן העלפן די ארימע לייט און וועגן רוהען
פון דער ארבעט איין טאג אין וואך. לייענט זיין בוך „די פארקזילישען
געזעצע איזראעלס“, וואס איז דערשינען אין 1928. פארגלייכט אויך
וועגן דעם „ספר הברית“ אויבן ז. 12.

האָט אַזאַ קוק אויף דעם. ביי די נביאים אָבער איז דער עיקר גע־
ווען דער היפּוך צווישן יהוה און בעל. דאָס וואָס יהוה איז גאָר
אַן אַנדער סאָרט גאָט איידער בעל: ער איז העכער איבער דעם
בעל, העכער איבער די געטער פון די פעלקער. דער בעל ווערט
באַהאַנדלט מיט שפּאָט און פאַראַכטונג פון די דערציילער פון די
נביאים־לעגענדעס. מ'שרייט צו אים, אָבער ער דערהערט ניט.
אפשר, זאָגט אליהו אויף דעם בעל, האָט ער געגומען אַן איבעריגע
כוסה און ער האָט זיך צוגעלייגט אויף אַ ווײַלע (מלכים א, י"ח
27). די נביאים האָבן שוין אין יענער צייט אַ פאַרגעפיל, אַז די
געטער פון די פעלקער זיינען גאָרנישט. יהוה און בעל גלייכצייַ־
טיג קענט איר ניט דינען, זאָגט אליהו צו די פאַרזאַמלטע אידן
אויפ'ן באַרג כרמל. יהוה און בעל זיינען ניט קיין גלייכע פּאָר און
קענען ניט פירן קיין קאָנקורענץ צווישן זיך. „אויב יהוה איז דער
גאָט, גייט נאָך אים, און אויב דער בעל — גייט נאָך אים". און אַז
יהוה'ס פייער אַנטשיידט דעם שטרייט, פאַלן אַלע אידן אויף די
פּנים'ער און רופן אוים: „יהוה איז דער גאָט! יהוה איז דער
גאָט!" (מלכים א, י"ח 39). און ניט בלויז אידן אַנערקענען דאָס,
נאָר אפילו נעמן, דער אַראַמעער, זעט איין, „אַז עס איז ניטאָ
קיין גאָט אין דער גאַנצער וועלט אַחוץ אין ישראל" (מלכים ב,
ה 15).

דער דאָזיגער גאָט הערשט איבער דער נאַטור און איבער די
פעלקער. ער באַדאַרף ניט קיין געוואַלדיגע נאַטור־כוחות, כדי זיין
מאַכט צו אַנטפּלעקן. אין „קול פון דער דינער שטילקייט" (קול
דממה דקה) אַנטפּלעקט ער זיך צו אליהו'ן ביים חורב. זיין מאַכט
גרייכט אויך ווייט אַוועק פון די גרעניצן פון אידישן לאַנד. אויך
אין פעניקיען ברענגט ער אַ הונגער און אויך דאָרטן קאָן מען תפילה
טאָן צו אים (מלכים א, י"ז 8—24).

אויך די האַלטונג פון די נביאים איז ניט דיזעלביגע ווי אין
די אַמאָליגע צייטן. אמת טאַקע, אַז די נביאים היילן נאָך קראַנקע

און באווייזן נאך כל'ערליי מופתים. פון דער אנדערער זייט אבער זעען מיר, אז אליהו און אלישע באווייזן די מערסטע מופתים נאר דורך דאס ווארט, דורך דער תפילה, ווי דאס ווערט פארגעשטעלט אין דער דראמאטישער סצענע אויפ'ן כרמל (מלכים א, י"ח 36). ניט מיט ווילדע געשרייען, ווי די נביאים פון בעל, נאר מיט א קלארן גייסט זאגט אליהו ארויס זיין תפילה. אויך אלישע'ס שטילע תפילה ווירקט מער איידער זיין וואונדער־שטעקן אין גיחזי'ס האנט (מלכים ב, ד 33). די נבואה איז אויך ניט מער קיין פראפעסיע. אלישע נעמט ניט אן קיין שום באצאלונג פון נעמן און באשטראפט שטרייננג זיין משרת גיחזי פאר'ן נעמען א מתנה פון אים (מלכים ב, ה. פארגלייכט מלכים א, י"ג 7). מ'קוקט בכלל מיט פאראכ־טונג אויף די נביאים פון בעל, וועלכע עסען פון איזבל'ס טיש (מלכים א, י"ח 19). מ'פילט זיך העכער איבער אלע נביאים און טרעפער פון די פעלקער ארום. אלישע הייסט נעמן'ען קומען צו אים כדי „ער זאל וויסן, אז עס איז פאראן א נביא אין ישראל" (מלכים ב, ה 8). אזעלכע נביאים קענען זיך שוין שטעלן שטאלץ נעגן מלכים און שרים. פאר אזעלכע נביאים מוזן זיך שוין אלע בוינן. איין ווארט פון אליהו איז גענוג, אז אחזיה'ס שלוחים זאלן זיך אומקערן צוריק (מלכים ב, א), און אפילו אחאב בלייבט פאר־שטומט, ווען אליהו זאגט אים זיין אורטייל אין פנים (מלכים א, כ"א 20).

דעמזעלביגן העכערן טיפ פון א נביא שטעלט אויך פאר מיכיהו בן־ימלה (מלכים א, כ"ב). ווי א ריזיגע מאנומענטאלע פיגור הויבט ער זיך ארויס פון די 400 סקארבאווע יהוה־נביאים אין אחאב'ס הויף. ער שטייט אין א דירעקטן היפוך צו זיי. זיי זאגן דאס וואס דער קעניג האט ליב צו הערן. ער אבער, מיכיהו, זאגט נאר דאס, וואס יהוה'ס גייסט האט אריינגעגעבן אין אים. זיי אלע זאגן דעם קעניג פאראויס גליק, ער איז דער איינציגער, וואס זאגט פאראויס אומגליק. ער לייקנט ניט, אז די איבעריגע נביאים האבן אויך יהוה'ס גייסט. אבער דער דאזיגער גייסט זייער

איז אַ פאַלשער, אַ „רוח־שקר", וואָס יהוה האָט מיט פליים אַריינ־געטאָן אין זייער מויל, כדי צו ברייננגען אַן אומגליק אויף אַחאָבן. מיכיהו בן־ימלה איז אין דעם פּרט דער פאַרגייער פון די שפּע־טערע שריפט־נביאים, וועלכע האָבן פאַראויס געזאָגט דעם אונטער־גאַנג און דעם חורבן, אין היפוך צו די סקאַרבאָווע נביאים, וועלכע האָבן שטענדיג פאַראויסגעזאָגט נאָר גליק און נצחון.

מיר זעען אַלזאָ אין דער צייט פון אליהו און אלישע אַ העכערע השגה פון גאָט און אויך אַ העכערע מדרגה פון נבואה. ליכט און שאָטן זיינען נאָך דורכגעמישט. עס איז דער פריהיגער מאָרגן פון אידישן געדאַנק. אַלץ איז נאָך איינגעהילט אין דער אַרומיגער טונקעלקייט. אָבער ווייט אויפ'ן האָריזאָנט פון אידישן הימל קאָן מען שוין דערקענען אַ שטרייף פון ליכט. אָט באַלד קומט אַרויס די זון פון דעם אוניווערסאַלן עטישן גאָט־געדאַנק פון די גרויסע נביאים און פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט מיט איר בליציגער ליכ־טיקייט *).

*) איך פאָלג דאָ מערסטנס נאָך אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל דעם שוין פריער פיל מאָל דערמאָנטן בוך פון גוסטאַוו העלשער איבער די נביאים.

VI.

שריפט-נבואה

.1

די פאָלקסטימלאַכע און די גרויסע נביאים

אַרום הונדערט יאָר נאָך אליהו'ן, אין מיטן אַכטן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלאַכער ערא), אין דער רעגירונגס־צייט פון ירבעם בן־יואָש, דעם אוראייניקל פון יהוא בן־נמשי, איז אויפגעטראָטן עמוס מיט זיינע נבואות, וועלכע זיינען געבליבן פאַרשריבן אין דעם בוך, וואָס טראָגט זיין נאָמען. מיט עמוס'ן קומט אויף אַ נייער טיפ פון נביאים, און עס הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון נבואה ביי אידן, די עפּאָכע פון די שריפט־נביאים, ווי זיי ווערן געוויינלאַך באַצייכנט.

ווען מירריידן פון אַ נייעם טיפ נביאים, האָבן מיר דאָ, פאַרשטייט זיך, אין זינען ניט די מאַסן־נביאים, נאָר די איינצלנע, גרעסערע געשטאַלטן צווישן זיי *). אין דער געשיכטע פון אָט די אינדיווידועלע נביאים, וועלכע זיינען געוואָרן פירער פון פאָלק, הויבט זיך עס אָן מיט עמוס'ן אַ נייע תקופה. וואָרים אפילו אליהו, דער גרעסטער צווישן אַלע נביאים פאַר עמוס'ן, קען ניט פאַרגליכן ווערן מיט עמוס און הושע. ער הויבט נאָר עפּעס וואָס אָן, אָבער זיי פאַרענדיגן עס. ביי זיי קומט דאָס צו אַ קלאָרן אָפּשלום.

*) פאַרגלייכט אויבן ז. 34.

מיר האבן שוין אויבן, אין דעם אלגעמיינעם אריינפיר, דער־מאנט וועגן די צוויי טיפן נביאים: די מינדלאכע און די שריפט־לאכע. מיר מוזן אבער אט־דא ריידן וועגן דעם אביסל מער באריכות. מיר מוזן זיך דא אביסל מער פארטיפן אין דעם ענין און זען מיט וואס די שריפט־נביאים שטעלן מיט זיך פאר א נייעם, העכערן טיפ פון נבואה, פארוואס אליהו׳ס צייט איז נאך דער בין־השמשות און מיט עמוס׳ן הויבט זיך שוין אן דער ליכטיגער מארגן.

עמוס גופא, דער ערשטער פון די שריפט־נביאים, האט אפנים געפילט, אז ער איז אנדערש פון אלע נביאים פאר אים. ער זאגט דערפאר צו אמציה׳ן, דעם כהן פון בית־אל: „לא נביא אנכי ולא בן־נביא אנכי“ (עמוס ז 14). ער לייקנט, הייסט עס, שטיין־און־ביין, אז ער איז גאר קיין נביא ניט ניט און אז מיט די בני־הנביאים האט ער קיין שום מגע־ומשא ניט. ווארים אליהו און אלישע זיינען גע־שטאנען נאנט צו די נביאים פון זייער צייט. אלישע איז זיכער געווען דער פירער און פארשטייער פון די בני־הנביאים, און עס קאן זיין, אז אויך אליהו איז עס געווען. א געוויסע שייכות צו די בני־הנביאים האט אליהו על־כל־פנים געהאט. אויך מיכיהו בן־ימלה טרעפן מיר אין אחאב׳ס הויף, וואו ער לעבט צוזאמען מיט נאך פיר הונדערט נביאים פון יהוה. עס איז אמת, אז ער גייט אויף אן אייגענעם וועג, אז עס הערשט א קאנפליקט ציווישן אים און זיי. מעגלאך, אז אויך אליהו איז געשטאנען אין א היפוך צו די בני־הנביאים. אבער דאך שטייען אליהו און מיכיהו בן־ימלה אין א געוויסער פארבינדונג מיט די נביאים פון זייער צייט. עמוס אבער אנטזאגט זיך לגמרי פון זיי. ער האט מיט זיי גארנישט צו טאן. איינזאם און אליין לעבט ער מיט זיין סטאדע שאף אויפ׳ן גרעניץ פון דעם מדבר, און איינזאם און אליין קומט ער איבערגעבן גאט׳ס שליחות צו זיין פאלק ישראל.

אבער מיר האבן שוין באמערקט, אז באטש עמוס שטעלט מיט זיך פאר דעם ערשטן פון א נייעם טיפ נביאים, טארן מיר דאך ניט צופיל מגזם זיין די דאזיגע נייקייט, ווי א סך פון די גרויסע

ביבלפארשער האבן עס געטאן און טוען עס טיילווייז אויך איצט נאך. ווארים אויך די גרויסע שריפט־נביאים זיינען געווען טרע־גער און אידעאלאגן פון דער סאציאל־רעליגיעזער רעפארם־באווע־גונג, וואס איז אנגעגאנגען דעמאלט אין אידישן לעבן *).

מ'באצייכנט געוויינלאך די נביאים פון עמוס'עס טיפ אלס שריפט־נביאים, ווייל זייערע רייד זיינען געבליבן פארשריבן אין ביכער. איבער דעמזעלביגן טעם רופט מען די נביאים פאר עמוס'ן מינדלאכע, ווייל זיי האבן געווירקט נאר מיט'ן מויל, אבער ניט מיט'ן געשריבענעם ווארט. אבער דאס איז דאך באמת נאר אן אויסערלאכער און טיילווייז אויך א צופעליגער חילוק. ווארים מיט'ן מויל געווירקט, אלס רעדנער, האבן אויך די שריפט־נביאים, און, פארקערט ווידער, קענען מיר ניט זיין זיכער, אז ס'איז ניט ארומ־געגאנגען ביי אליהו'ס תלמידים און אנהענגער א בוך מיט רעדעס פון זייער רבי'ן. עס איז דערפאר ריכטיגער צו באצייכענען אט די צוויי טיפן נביאים ניט אלס מינדלאכע און שריפטלאכע, נאר אלס פאלקסטימלאכע און גרויסע, אבער אלס פאלקסטימלאכע און קלא־סישע נביאים.

אויך בנוגע דעם אויפטרעטן פון די שריפט־נביאים דארף מען ניט ציען קיין צו־שארפע ליניע צווישן זיי און זייערע פארגייער. ווארים אויך די שריפט־נביאים זיינען געווען רעליגיעזע עקסטא־טיקער. אזוי מוז מען אננעמען, אניט איז ניט מעגלאך צו דער־קלערן זייערע וויזיעס און רעליגיעזע איבערלעבונגען. עס איז אן דעם אויך ניט מעגלאך צו דערקלערן, ווי אזוי זיי האבן זיך אידענ־טיפיצירט מיט גאט און גערעדט פאר אים אין דער ערשטער פער־זאן, ניט מיט א „ער“, נאר מיט א „איך“. עס וואלט אויך ניט מעג־לאך געווען, אז שמעיה הנחלמי זאל באצייכענען ירמיה'ן אלס „איש משוגע ומתנבא“ (ירמיה כ"ט), ווען ירמיה וואלט ניט מער אדער ווייניגער גערעדט ווי אן עקסטאטיקער.

---

*) פארגלייכט אויבן ז. 14—17 און ז. 42—45.

דאך אבער איז אין דעם פרט פון דעם אויסערלעכן אויפטריט פארט דא א היבשער חילוק צווישן די שריפט־נביאים און זייערע פארגייער. עס איז טאקע אמת, אז אויך די שריפט־נביאים ווערן פארכאפט פון גאט'ס גייסט, און זיי דערציילן אונז פון איבערלעבונגען, וועלכע טראגן די פארם פון אן עקסטאטישער זעאונג. אבער זייער עקסטאז איז א רוהיגערער, א מער אפגעקלערטער. זיי באנוצן זיך מער ניט מיט קיין קינסטלעכע מיטלען, כדי אויפצואוועקן אין זיך די געטלעכע התלהבות, ווי דאס ווערט דערציילט פון אלישע'ן (מלכים ב, ג 15). דער פאנטאסטישער עלעמענט טרעט איבערהויפט ביי זיי צוריק אין הינטערגרונט. ניט נאר צייטווייליג, אין א מאמענט פון אן עקסטאטישער איבערלעבונג, פילט זיך דער גרויסער נביא פון עמוס'עס טיפ פאראייניגט מיט גאט, נאר עס פילט זיך אלעמאל אזוי. ער טראגט שטענדיג אין זיך די זיכערקייט, אז גאט האט אים אויפגעזוכט, האט אים געצוואונגען און אריינגעטאן זייןווארט אין זיין מויל. אט טאקע דעריבער לייענען מיר אין די נביאים־ביכער אזעלכע לאנגע שילדערונגען, ווי אזוי זיי האבן דערפילט אין זיך דעם ערשטן מאל דעם רוח־הנבואה, דעם רוף פון גאט (ישעיה ו; ירמיה א). מחמת דער דאזיגער מאמענט איז געווען די אנטשיידונג פאר זייער גאנצן לעבן. איינמאל נאר האבן זיי אין דער רגע פון א רעליגיעזער איבערלעבונג געזען און געהערט, ווי גאט רעדט צו זיי און רופט זיי, און זיי האבן פון דעמאלט אן שטענדיג זיך געפילט אין פאראייניגונג מיט גאט.

אבער עס איז ניט אזוי דער סימבאלישער באוואוסטזיין פון דעם נביא, וואס מאכט עמוס'ן און זיינע נאכפאלגער פאר א נייעם טיפ נביאים, ווי דער געדאנקלעכער אינהאלט, וואס האט אנגעפילט אט דעם באוואוסטזיין זייערן. בנוגע דעם פסיכאלאגישן באוואוסטזיין און דער אויסערלעכער דערשיינונג האבן אפשר די שריפט־נביאים זיך גארניט אזוי פיל אונטערשיידט פון די פריערדיגע נביאים. אבער בנוגע דעם געדאנקלעכן אינהאלט, וועלכן דער נביא האט אין זיין באוואוסטזיין ארומגעטראגן, איז א געוואלדיגער

מהלך צווישן די שריפט־נביאים און זייערע פארגייער. אויך די פאלקסטימלאכע נביאים האבן אנגעהויבן זייער נביאות מיט די ווערטער: „אזוי האט געזאגט גאט" (כה אמר יהוה), אבער דאס, וואס זיי האבן געזאגט נאך די דאזיגע ווערטער, שטייט רעליגיעז און מאראליש גאר ניט הויך.

אט, למשל, גייט צו איינער פון די בני־הנביאים צו אחאב'ן און רעדט אים אן: „אזוי האט געזאגט יהוה: ווייל דו האסט ארויסגעלאזן פון האנט דעם מאן פון ח ר ם, זאל זיין דיין לעבן אנשטאט זיין לעבן און דיין פאלק אנשטאט זיין פאלק" (מלכים א, כ 42). דער פאלקסטימלאכער נביא שטייט דא אלזא הומאניטאריש פיל נידעריגער ווי אחאב. ווארים דער נביא פאר־טרעט דא דעם אוראלטן, פרימיטיוון פרינציפ פון „חרם", פון פאר־ניכטן אין א נאציאנאלער מלחמה דעם שונא און זיין גאנצן האב־און־גוטס, בעת אחאב האט געהאנדלט לויט דעם נייעם, מער הו־מאניטארישן גייסט פון זיין צייט און האט באהאנדלט דעם בא־זיגטן און צעשלאגענעם פיינט מיט חסד און גרויסמוט.

דיזעלביגע גייסטיגע הויך זעען מיר אויך ביי אלישע'ן. ער בא־גלייט דעם חיל אויפ'ן שלאכפעלד, פונקט ווי אין די עלטערע צייטן דער כהן מיט זיין אפוד. ווען דער מוזיקאנט הויבט אן שפילן, פאלט ער אריין אין א רעליגיעזן עקסטאז. ער הויבט אן מיט „כה אמר יהוה". אבער וואס זאגט ער דערנאכדעם? אז עס וועט באלד זיין וואסער פאר אלעמען צו טרינקען (מלכים ב, ג). אין א צווייטן שטעל קומט נאך דעם „כה אמר יהוה" א נביאות פון אים, אז מארגן אין דער צייט וועט מעל זיין ביליג אין שומרון (מלכים ב, ז). ווי וואכעדיג עס קלינגט דער „כה אמר יהוה" אין אזעלכע פאלן, פאר־גליכן מיט דעם „כה אמר יהוה" באלד אין ערשטן קאפיטל פון עמוס, וואו דער נביא רעכנט אוים די מאראלישע פארברעכנס, די אומ־מענשלאכע מעשים און די אכזריות פון די פעלקער, וואס וואוינען אין און ארום ארץ־ישראל.

אז אויסנאם צווישן די עלטערע נביאים איז אין דעם פרט

אליהו, וועלכער זאָגט אַחאַב'ן נאָך דעם „כה אָמר יהוה" זיין אויס־
רוף: „דו האָסט געמאָרדעט און אויך גע'ירש'נט!" („הרצחת וגם
ירשת"), און ער זאָגט אים פאָראויס, אַז אויף דעמזעלביגן אָרט,
וואו די הינט האָבן געלעקט נבות'ס בלוט, וועלן זיי אויך זיין
בלוט לעקן (מלכים א, כ"א). אליהו איז דערפאַר טאַקע דער פאָר־
גייער פון די גרויסע שריפט־נביאים *).

דער עיקר, וואָס שיידט אָפּ די שריפט־נביאים פון די נביאים
פאַר זיי, איז אַלזאָ דער אינהאַלט פון זייערע רייד, די אינערלאַכע,
גייסטיגע גרויסקייט זייערע, די רעליגיעזע און מאָראַלישע הויך,
אויף וועלכער זיי שטייען, דער אוניווערסאַלער וועלט־באַנעם זיי־
ערער און די געוואַלדיגע עטישע קראַפט, וואָס ליגט אין זייערע
ווערטער. פאַר אָט דער גייסטיגער גרויסקייט פון די שריפט־
נביאים שטייען שטיל אין אַ צוריקגעהאַלטענער באַוואונדערונג אַלע
מענטשן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. וואָרים זיי זיינען עס
געווען די טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דעם עטישן מאָנאָטע־
איזם. ערשט ביי זיי איז פון יהוה, דעם גאָט פון ישראל, געוואָרן
יהוה, דער גאָט פון די פעלקער, דער גאָט פון דער וועלט, דער איינ־
איינציגער גאָט, וועלכער פאָדערט פון אַלע מענטשן נאָר איין זאַך:
אַ פּולקום מאָראַלישן לעבן, אַ לעבן אָן עוולות, אָן פאַלשקייט און
אָן אונטערדריקונג פון די שוואַכע און די אָרימע. אליהו, דערציילט
די לעגענדע, האָט אַליין אויסגעבויט אויפ'ן באַרג כרמל אַ מזבח
פאַר יהוה. אויף עמוס'ן אָבער האָט מען אַזוי וואָס ניט געקאָנט
דערציילן. וואָרים עמוס האָט געזאָגט, אַז גאָט וויל איבערהויפּט
גאָרניט קיין מזבחות, קיין קרבנות און קיין יום־טובים. אויך אין
סאָציאַלער מאָראַל איז אַ גרויסער מהלך פון אליהו'ן ביז עמוס'ן.
וואָרים אליהו האָט נאָר געפאָדערט אַ ריכטיגן משפט, ער האָט נאָר
פּראָטעסטירט געגן דעם יוסטיץ־מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען גע־
וואָרן געגן נבות. עמוס אָבער האָט געפאָדערט „צדק", דאָס הייסט

*) וועגן נתן'ען זעט אויבן ז. 35 אין דער באַמערקונג אונטן.

„יושר“. צווישן א ריכטיגן משפט און יושר איז זייער ווייט. דאס איז דער חילוק צווישן „דין“ און „לפנים משורת הדין“. לויט דעם פרינציפ פון משפט האט דער „נושה“, דער רייכער קרעדיטאר, געמעגט צונעמען די נחלה פון דעם פארארימטן פויער, ווען ער האט ניט געהאט אים צו באצאלן דעם חוב. לויט דעם פרינציפ פון „צדק“ אבער האט ער עס ניט געטארט טאן.

מיט דעם עטישן מאנאטעאיזם פון די שריפט־נביאים דער־גרייכט דערפאר די נבואה איר העכסטן שטאפל. ווארים רעליגיעזע עקסטאטיקער, וועלכע האבן גערעדט אין גאט'ס נאמען, זיינען ביי א סך פעלקער געווען. מיט דער שריפט־נבואה אבער שטייען אידן איינציג אין דער וועלט־געשיכטע. די העכסטע גיטער, וואס די מענטשהייט פארמאגט, האבן אין איר זייער שורש *).

.2

דער נביא אלס גאט'ס שליח

מיר האבן דא ביז איצט געשטעלט דעם טראפ אויף דער לערע פון די שריפט־נביאים. דאך אבער וואלטן אט די גרויסע נביאים קיין נביאים ניט געווען, ווען זיי וואלטן צו דעם ניט געהאט זייער איינגנארטיגן פסיכאלאגישן באוואוסטזיין. זיי וואלטן דעמאלט גע־ווען רעליגיעזע לערער, דיכטער, סאציאלע קעמפער, פאליטיקער, אבער ניט קיין נביאים. ווארים דער עיקר אין דעם מהות פון דעם גרויסן נביא איז געווען זיין באוואוסטזיין, אז ער איז אין אלצדינג, וואס ער האט גערעדט און געטאן, געווען ניט מער ווי גאט'ס שליח. די נביאים זיינען דערפאר געווען די איינציגע גרויסע מענטשן אין דער גייסטיגער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועל־

---

*) ב. שטאדע, געשיכטע דעם פאלקעס איזראעל, 1889, באנד I, ז. 550.

בע האבן אליין לחלוטין ניט געוואוסט פון זייער אייגענער גרויס־קייט.

ווארים דער נביא איז געווען זיכער, אז דאס, וואס ער זאגט, איז ניט זיינע אייגענע געדאנקען און זיינע אייגענע ווערטער, נאר דאס האט גאט אים געשיקט איבערגעבן צו די מענטשן א פערזענ־לאכע שליחות פון אים. די דאזיגע שליחות איז געווען אן אינער־לאכע איבערלעבונג זיינע, זי האט אויסגעפילט אלע טיפענישן פון זיין נשמה, און ער האט איינגעשטעלט זיין לעבן און זיין גאנצע פערזענלאכקייט זי דורכצופירן. אט טאקע אין דעם ליגט די נע־וואלדיגע מאראלישע קראפט פון די נביאים, וועלכע האט זיך פאר קיין זאך ניט געלאזט בויגן. זיי האבן גערעדט אין נאמען פון א גאט, וועלכן זיי האבן געקאנט פון זיך אליין ארויס. ער איז פאר זיי געווען אן אינערלאכע איבערלעבונג. זיי האבן קיינמאל ניט געהאט דעם מינדסטן ספק וועגן אים. ער איז פאר זיי געווען אזוי געוויס, און אפשר נאך געוויסער, ווי זייער אייגענע נשמה. „זייער גאט־געוויסקייט רייסט אלעמען מיט זיך מיט און שטייט העכער ווי אלע פארנונפט" (וועלהאוזען).

עס ליגט אלזא אין דעם נביא אן אומבייגזאמע מאכט, ווייל ער טראגט ארום אין זיך א גרויסן, געוואלדיגן אמת. ער האט דעם דאזיגן אמת ניט געשעפט פון קיין אויסערלאכן קוואל; ער האט אים פון קיין אנדערן ניט געהערט: ער האט אים ניט ארויסגעדרונגען נאך איבערקלערונגען וועגן געוויסע פאקטן און דערשיינונגען. נאר ער האט אים געשעפט פון זיין אייגענעם קוואל, פון דעם „קודש־הקדשים" פון זיין הארץ, און דאס איז אין זיין באוואוסטזיין געווען אידענטיש מיט גאט. דעם נביא'ס אמת און דעם נביא'ס גאט זיי־נען דעריבער געווען איינס ביי אים. ביידע זיינען זיי געווען פאר אים געוויסקייטן, איבערלעבונגען, וועלכע האבן קיינמאל ניט גע־קאנט אין אים זיך א וואקל טאן.

ווי ווייט די שריפט־נביאים האבן אין דעם פרט זיך אונטער־שיידט פון די פריערדיגע פאלקסטימלאכע נביאים, אילוסטרירט

אונז אמבעסטן די לעגענדע וועגן דעם „איש־אלהים“ פון יהודה און דעם נביא פון בית־אל (אין מלכים א, י“ג). דא ווערט פארגע־שטעלט אלס א געוויינלאכע זאך, אז איין נביא זאל קומען צום אנ־דערן און אים אפנארן און זאגן, אז גאט האט נאר־וואס צוריקגע־רופן זיין ווארט פון פריער (פסוק 18). עס האט אבער קיינמאל ניט געקאנט פאסירן, אז עמיצער זאל קומען צו עמוס׳ן, צו ישעיה׳ן, אדער צו ירמיה׳ן און אים זאגן, אז גאט האט נאר־וואס צוריקגע־רופן זיין שליחות צו זיי. אט, למשל, האט דער חיל פון די כשדים זיך צוריקגעצויגן פון ירושלים צו באגעגענען דעם עגיפטישן חיל, וואס האט ארויסגעמארשירט צו העלפן די אידן. פון ירמיה׳ס נבואות, אז די שטאט וועט איינגענומען און פארוויסט ווערן, האט גארנישט זיך אויסגעלאזן. אזוי האט יעדנפאלס אויסגעזען. ירושלים איז באפרייט. די איינוואוינער פרייען זיך און יובלען. אבער ירמיה בלייבט ביי דאס זייניגע, אז זיין נביאות וועט באלד מקוים ווערן. אפילו, זאגט ער צו די אידן, אויב איר וועט אויס־הרג׳ענען דעם גאנצן חיל פון די כשדים, און עס וועט בלייבן פון זיי נאר דא און דארטן א פארוואונדעטער אין זיין געצעלט, וועלן די דאזיגע עטלאכע פארוואונדעטע זיך אויפהויבן און פארברענען אט די שטאט אין פייער (ירמיה ל“ז 5—10).